STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11820

PRAVOZSHITELSTVO

Zalman Wendroff

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ג. וולנדראָט

הומאָריסטישע שריפטען

צווייטער באנד:

פּראַוואָזשיטעלסטוואַ

ערצעהלונגען מעשה׳לעך און בילדער.

ווילנא תרע״ב.

פּרייז 75 קאָפּ.

З. ВЕНДРОВЪ.

ПРАВОЖИТЕЛЬСТВО.

Юмористическiе Разсказы.

Томъ второй.

Вильна 1912.

Типографiя Ф. Гарбера Завальная ул. д. 25

אינהאלטס-פערצייכניס:

אָהן חכמות

אַנאַגראַדע

גוט אויסגעפיהרט

אַ פערברעכער

פאַר פרעמדע זינד

דער באַראָן פון באַבאָינע

אַ גוטער עלטער

דער שמד ספעציאַליסט

דער יובילייאום

אומזיסטע שרעק

אָרוֹן חָכְמוֹת

I.

אין גאַנצען דאָרף איז צו מאָ׳ען קיין גלייבען ניט געוועזען.

היי קאָסען, צי אַ וואָגען זאַנגען אָנלעגען, האַקען בוימער אין וואַלד, אָננעהמען אַנ׳אָקס פאַר די הערנער און אַ וואָרף טהון צו דער ערד -- דערויף איז מאָטע געוועזען דער גרעסטער בריה.

אין דעם געזונדען אַכצעהן-יאָהריגען בחור מיט די שטאַרקע הענד און פיס, מיט׳ן גרויסען קאָפּ, וואָס זיצט פעסט אויף די ברייטע פלייצעס, מיט דעם פערברענטען פרעהליכען פנים און לעבעדיגע אויגען, איז שווער געוועזען צו דערקענען אַ יודען.

צוגלייך מיט אַנדערע שקצים פון דאָרף, האָט ער געאַרבייט אין פעלד אָדער אין וואַלד, געטראָגען זיך רייטענדיג אויפ׳ן פערד פון היי-פעלד צום שייער, פון שייער צום בוריקעס-

גאָרטען, איבערװאָרפענדיג זיך מיט אַ פּאָר װערטער מיט שקצים בײם זײט־װעג, פערטשעפּענדיג אַ שיקסע מיט׳ן בײטש, לאַכענ־דיג בעת־מעשה הויך און הילכיג . . .

מאָטע איז אויסגעבונדען מיט יעדערען צעהן מײל ארום, און אין דאָרף װאָלט יונגװאַרג פאַר איהם אין פײער און אין װאַסער געגאַנגען.

אין אָבענד, װען שקצים פאָהרען ארויס מיט זײערע פערד אויף נאָטשנאָיע" (נאַכט־פּאַשע), שטעלען זײ זיך אָב נעבען לײב קרעטשמער׳ס שטוב, און שרײען ארײן דורך דעם אָפענעם פענסטער:

— הע, מאָטיא, פאָהרסט אויף נאָטשנאָיע? פאָהר ברודער! ...

חברה שקצים װײס, אַז מיט מאָטע׳ן װעט די נאַכט גיכער איבערלויפען: ער איז אַ „הראַמאָטנער״ און קען דערצעהלען װאונדער־מעשה׳לעך װעלכע שענע און שרעקליכע... און האָט פאַר׳ן „ליעסנאָי״ (װאַלד־שד) איך קײן מורא ניט.

עס מאַכט זיך אַ פינסטערע נאַכט, אַ טומאַניגע. די פײכטע צװײגען פּאַטשען איבער׳ן פנים, און מאַכען דעם װעג אין װאַלד שװער און אונאַנגענעהם . . . קלײבען זיך שקצים אויף צוזאַמען, צופיהרען אַ פײער, און װען פון די ברענענדיגע צװײגען קלײבט זיך אָן אַ רעכטע בערגעל קויהלען און אַש, רוקען זײ ארײן אין דעם הײסען אַש עטליכע היטעל קאַרטאָפעל, צעלעגען זיך ארום פײער, טוליען זיך אײנער צום צװײטען, הערען זיך צו, װי די פערד שפּרינגען ערגעץ װײט, בריקענדיג מיט די פאָרשטע געפּענטעטע פיס, און הערען,

האַלבּ-דרעמלענדיג, די שרעקליכע מעשה׳לעך וועגען רוחות און וואַלד שדים...

דאָס רוב דערצעהלט מאָטע:

וואַשנע, איינגעהאַלטען און געהיימניספאָל קלינגט זיין שטימע; די צוהערער׳ס פנימ׳ער, פון טליהענדען פייער בעלויכ-טען, בעקומען אַ קופּער-גלאַנץ, דער אָבשיין פון פייער שפּיגעלט זיך אויך אָב אין די צושראָקענע אָנגעשטרענגטע אויגען . . .

מאָטע ליעגט אויסגעצויגען, אויפ׳ן בויך, די הענד אונ-טערגעשפּאַרט אונטער ביידע באַקען, קוקט מיט פערחלומ׳טע אויגען אין די גליהענדע קויהלען, ווי ער וואָלט דאָרט געזעהן די רוחות פון זיין מעשה׳לע, און ציהט ניט איילענדיג:

— — — — — זעהט דער יוד, עס ליגט אַ קאַלב אויפ׳ן וועג... אַ געבונדענער קאַלב... איהר הערט, חלאַפּציו... קלערט ער: „גאָט האָט מיר אַ מציאה צוגעשיקט... האָט ער עס אויפ-געהויבען און אַריינגעלעגט אין וואָגען...—העט, מיטיוכאַ! שלאָף ניט — . . . און פאָהרט ווייטער... און פאָהרט, און פאָהרט, און פאָהרט און שטעהט אַלץ אויף איין אָרט... עהע, קלעהרט דער יוד, מיר ווייסען מיט וועמען מיר האָבען דאָ צו טהון... נעהמט ער, דער יוד, הייסט עס, און...

— צלמ׳ט זיך איבער! . . — חאַפּט אונטער אַ בלאָנדער שגץ מיט צושראָקענע אויגען.

— אַך, טי באַראַניא גאַלאָווא! — גיעט זיך מאָטע אַ בייזער—אַ יוד צלמ׳ט זיך? אַ יוד האָט אַ „מאָליטווע” אַזאַ, קענען ניט גוטע...

— און עס העלפט?!.. — וואונדערט זיך דער שגץ.

— אָהאָ! -- מאַכט מאָטע — דאָס...

— דערצעהל דעם סוף, מאָטיא. — שלאָגט איהם איבער א סקולאַסטער שגץ מיט פלאַקסענע האָר.

— — — איז דאָס קאַלב אַרויסגעשפּרונגען פון וואָגען און צולאַכט זיך: „חא-חא-חא!"... און ניט געוואָרען...

— פון דער מאָליטווע?!.. — גלויבט זיך די שקצים ניט...

— פון וואָס דען?...

— „ער"! — בעשליעסען צוויי שקצים מיט אונרוהיג-צושראָקענע אויגען...

— ש-ש-ש!.. — בייזערט מען זיך אויף זיי פון אַלע זייטען — דערמאָנט ניט ביינאַכט...

שטיל בלייבען אַלע ליעגען. מען האָט מורא מיט אַ גליעד א ריהר צו טהון... עס דוכט זיך זיי, אַז „ער" שטעהט הינטער די פּלייצעס און אָט אָט גיעט ער אַ פּאַטש מיט די פליגלען און צולאַכט זיך מיט אַ ווילדען געלעכטער... איין מאָטע נור קוקט רוהיג אַרום זיך, און דערזעהענדיג, אַז די פערד האָבען זיך דערווייל צובראָדיעט איבער'ן וואַלד, גיעט ער זיך אַ חאַפּ:

— העי, חלאָפּצי, די פערד טרייבט אויף!

און אין איין מינוט איז ער אויף די פיס און ווערט פער-שוואונדען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. פויל און לאַנג-זאַם הויבען זיך די שקצים אויף נאָך איהם און לאָזען זיך איבער'ן וואַלד אויפזוכען די פערד.

און פון ווייטענס הערט זיך מאָטעס יונגער און זיכע-רער קול:

— העֶ, פעֶטיוכאַ, פעֶרגעֶה ליִנקס!.. וואַניוכאַ דייַן סיִוועֶ האָט זיִך פעֶרפלאָנטעֶרט איִן „אָרעֶשניִק״!... אַ—העֶ—עֶר! הו—האַ--אַ—אַ—אַ—!...

איִן אַ דושנעֶם זומעֶר־פאַרנאַכט, ווען שקציִם צוזעֶצעֶן זיִך אויף די פריִזבעֶס און שיִקסעֶס שטעֶלעֶן זיִך אַרום זייַ אַרום. און זיִנגעֶן אַלעֶ איִנאייִנעֶם איין ליִעד נאָך דאָס צווייטעֶ, אַזעֶלכעֶ האַרציִגעֶ, בעֶנקעֶנדיִגעֶ, מיִט ועֶהטאָג און טרויעֶר דורכגעֶוועֶבטעֶ ליִדעֶר, וואָס דריִנגעֶן אַרייַן איִן דעֶר נשמה און רופעֶן אַ זיִסעֶן אומעֶט אַרויס, אָדעֶר ליִעדעֶר פרייַ־לוסטיִגעֶ, בּרעֶגלאָזעֶ און ברייַטעֶ, ווי די סטעֶפּעֶס, וואָס ליִעגעֶן צושפּרייט היִנטעֶר'ן דאָרף. ליִעדעֶר, פון וועֶלכעֶר די פיִס הויבעֶן זיִך ניִט וויִלעֶנדיִג און אַלעֶ איבּרים בּעֶוועֶגעֶן זיִך, — איִז מאָטעֶ אויך איִן דעֶרמיִט...

שטאַרק און הויך צוגיִעסט זיִך זייַן יונגעֶ שטיִמעֶ איִן דעֶם שטיִלעֶן זומעֶר־אָוועֶנד:

„אָי, פּאָלאָלאַ דיִווטשיִנאַ „לאָבאָדו״...

און דעֶר כאָר שקציִם מיִט שיִקסעֶס כאַפּעֶן אונטעֶר:

„היִפּ, היִפּ, לאָבאָדו״!...

און מאָטעֶ'ס אויגעֶן שיִטעֶן פונקעֶן, און דעֶר פּניִם פלאַמט פון נחת, ווי די שכינה וואָלט אויף איהם געֶרוהט...

— טיִ, מאָטיאַ, ניעֶ זשיִד: חיִבּאַזש זשיִד טאַק ספּיִוואַ[1]? זאָגעֶן די שקציִם מיִט התפעלות.

— עֶהעֶ — מאַכט מאָטעֶ — מייַן עֶלטעֶר־עֶלטעֶר זייִדעֶ איז

[1] דו, מאָטעֶ, בּיִזט קייַן יוד ניִשט, אַ יוד זיִנגט דען אַזוי.

שוין דאָ אין דאָרף געבוירען געוואָרען... זאָל איך די ליעדער ניט קענען?... כ'האָב ליעב דעם דאָרף מיט זיינע ליעדער!... — גיעט ער ברייט א פיהר מיט'ן האנד אויף פעלד און וואלד ארום זיך. —

אָבער ווי ליעב מאָטע האָט דעם דאָרף, אזוי פיינד האָט ער די שטאָדט, וואָס ליעגט וויים, וויים פון דאָרף, אויף יענעם זיים סטעפ,—עפעס איז אזוי ענג דאָרט, לופט פעהלט איהם אין דער גרויסער שטאָדט...

ווען ער קומט אין שטאָדט, דוכט זיך איהם, אז די צוויי שורות הויכע הייזער, וואָס שטעהען פון ביידע זייטען גאַס, מוזען איינפאַלען אָדער אויפקומען זיך צוזאמען און צוקוועטשען איהם אין דער מיט... און יעדערער איז פערזאָרגט, און עפעס איילט מען זיך דאָרט אזוי, אקוראט יעדען טאָג וואָלט געווען שניט-צייט.

איז מאָקי א נסיעה אין שטאָדט אַנ'אָבקומעניש פאר מאָטע'ן.

פאָהרען פאָהרט ער ניט מעהר ווי צוויי מאָל אין יאָהר, אויף ראש-השנה, און יום-כיפור, נור די צוויי מאָל וואָלט ער אויך מוחל געווען. וויל אָבער דער טאַטע דוקא זיין אין שטאָדט ימים-נוראים, און דוקא מיט'ן גאנצען הויז-געזינד. מוז זיך מאָטע איינשפאַנען אין א הארטע מאַנישקע, אויספוטצען זיך אין א בלוי-ען האלזטיכעל, אנטהון די קאַפאָטע מיט די אַכט ביינערנע קנעפּ, אריינקריכען אין ענגע קאַמאַשען מיט נייע גלאנציגע קאַלאָשען, און פאָהרען אין שטאָדט אויף צוויי-דריי טעג אָבקומען...

שוין אויף דער אלכסניה, וואוהין לייבע פערפאָהרט, זינט ער געדענקט, אין שטאָדט קומענדיג, — פיהלט זיך מאַטע אַ געפענטעטער, ווי זיין פערד אין וואלד. — עס דוכט זיך איהם, אַז אַלע קוקען אויף איהם און ווינקען זיך איבער מיט די אויגען. ער קעהרט זיך אום צום וואנד, און דערזעהט אין דעם, מיט פליעגען בעזעסענעם שפיעגעל, אַ רויט-צעפריהעגטען פנים, מיט אַ פּאָר אויגען, וואָס קוקען נאַרישעוואַטע און צושראָקען... לאָזט ער אַראָב זיין בליק, פאַלען זיי אויף אַ פּאָר געזונדע מאָזאָליסטע הענד, ווי די לאָפּעטעס... און מיט אַ מאָל דער-פיהלט מאַטע, אַז די מאַנישקע דריקט איהם, ווי אַ חאָמוט, די פיס ברענען פון די ענגע קאָמאַשען און נייע קאַלאָשען, די הויזען זעהען אוים קורץ-נאַרישעוואַטע, און פון דער קאַפאָטע איז ער שוין לאַנג אויסגעוואַקסען...

וועלכער שווארץ יאָהר האָט דאָס אויסגעקלעהרט די שטאָדט מיט איהרע מאָדעס! ער וואָלט, דוכט זיך, אַ מעשה אָנגעטאָן זיך, ווען ער וואָלט דאָ געמוזט בלייבען אויף שטענדיג.

דער טאַטע זאָגט, זיי „הענגען אויף אַ האָהר": ס'איז רעכט מען זאָל זיי יעדען טאָג פון דאָרף אַרויסשיקען. דער שענקער, מיחיי, בונטעוועט געגען זיי די גוים פון דאָרף, שרייבט דאָנאָסען אין שטאָדט אַריין... געדאַרפט איהם אָנלעגען די זייטען דעם פּיאַניצע — לאָזט דער טאַטע ניט. מען טאָר זיך, זאָגט ער, מיט איהם ניט אָנהויבען, ווארום מען איז מיט'ן לעבען ניט זיכער... דער טאַטע איז אַלעמאָל אַזוי, נור ער האָט מורא... דאָס וועט מען זיי אַלעמען אויסקוילעגען, דאָס וועט מען זיי פון דאָרף אַרויסשיקען...

פאַרוואָס זאָלען זיי ניט טאָרען וואָהנען אין דאָרף? — פערשטעהט מאַטע ניט—דער זיידע האָט דאָך אויך דאָ געוואָהנט, און זיי זענען דאָ אַלע געבוירען געוואָרען, און זיי האַלטען דאָך דאָ די קרעטשמע, און די שכנים קומען דאָך שטענדיג צום טאַטען פרעגען עצות און לייהען דאָך ביי איהם קאָרען צו פערזייהען, און זיי מוזען דאָך דאָ וואָהנען. אין שטאָדט פאָהרט מען דאָך נור אויף ראש־השנה און יום־כפור...

אָבער דער טאַטע טענה׳ט דאָס זיינינגע:

— ס׳איז ניט דער דאָרף וואָס אַמאָל, פערשטעהסט? ניט אַמאָליגע גוים.. מ׳איז מיט מאָרגענדיגען טאָג ניט זיכער.

— דאָס בונטוועט אַלץ מיחייקאָ, ס׳ווילט זיך איהם צו־נעהמען דעם פאַכט אונזערען — וואָרטשעט מאַטע — איכ׳ל זיך אַמאָל צו איהם צוכאַפּען, וועל איך איהם הענד און פיס צו־ברעכען — סטראַשעט ער.

— טשעפּע ניט מיין זוהן, הויב זיך ניט אָן מיט זיי — בעט זיך דער טאַטע — מיר זענען „ורעמעני זשיטעליעס". ער קען אונז מסור׳ן.

— איכ׳ל איהם צוקאַליעטשען דעם זשערעבעץ זיינעם— וויל זיך מאַטע ניט בערוהיגען.

— וואָס רעדסט וואָס? ! ווילסט אונז אומגליקליך מאַכען? זיי וועלען אונז אַלעמען אויסקוילענען, ווי די באַראַנעס.. ווייסט ניט וואָס אין שטאָדט טהוט זיך..

.. איכ׳ל זיי געבען!.. קאָכט זיך מאַטע און טרייסעלט מיט זיינע צוויי געזונטע קולאַקעס אין דער לופטען.

דער טאַטע גיעט אַ מאַך מיט'ן האַנד, קעהרט זיך אָב אָן אַ זייט און ווישט די אויגען.

נור לאַטש מאַמען איז ניט אין גאַנצען קלאָהר וואָס דאָ טהוט זיך, דאָך האָט זיך אין זיין האַרצען אַריינגעקליעבען אַ׳אונדייטליכע אונרוהיגקייט. ס׳איז טאַקי ניט דער דאָרף, ניט די גוים. עפּיס קוקט מען אויף זיי אַנדערש. די שקצים זענען מיט איהם ניט אַזוי פריינדליך, ווי פריהער.

איבערלאָזענדיג די שטוב מיט׳ן פּאַלט אויף דאַניל׳אן, דעם שכן זייערען, און די צוויי פּאַרובקעס, איז לייבע מיט דאָס הויז־געזינד ווי אַלע יאָהר, די נאַכט אויף ערב ראש־השנה אַרויס־געפאָהרען אויף יום־טוב אין שטאָדט אַריין.

צוריק איז מען געקומען אויף מאָרגען נאָך יום־טוב, פאַר האַלבען טאָג.

נאָך פון ווייטען האָט לייבע דערזעהן, אַרום זיין שטוב אַ׳עולם פויערים איז ער אַ טוידטער געבליבען.

— ס׳ברענט ביי אונז! טרייב די פערד, מאַמע:

ניט אויפהערענדיג צו האַקען די גאַנצע צייט איבער די פערד, איז מאַמע האַסטיג צוגעפאָהרען צום שטוב, אַרויסגע־שפּרונגען פון וואָגען נאָך איידער ער האָט זיך רעכט אָבגע־שטעלט, האָט זיך אַריינגעטאָן צום טהיר, און איז געבליעבען שטעהן, ווי אימיצער וואָלט איהם געגעבען מיט אַ בייטש איבער׳ן פּנים.

אַרום לאַנגען טיש איז געזעסען דער זעמסקי נאַטשאַלניק, דער סטאַנאָװאָי, דער אוריאַדניק מיטן סאָטסקי, אַרום די װענד זענען געשטאַנען דער קרעמער מיכיי, װאָס האָט געװאָלט אָבנעהמען בײַ זײַ דעם פּאַכט, און נאָך עטליכע גוים, װעלכע האָבען שװײַגענדיג צוגעקוקט, װי דער װאָלאָטשנאָי שרײַבערעל לױפט מיט'ן פעדער איבער'ן פּאַפּיער.

באַלד נאָך מאָט'ען איז אַרײַן דער טאַטע, און איז געבליבען שטעהן טויט װי קאַלך.

— אַ, אָט איז דער חאָזיאַאין! דיך דאַרפען מיר טאַקי האָבען— האָט איהם בעגעגענט דער זיעמסקי, — אַ פּאַפּיערעל האָב איך בעקומען, מען זאָל דיך אַרויסשיקען פון דאָרף, אַלס אַ „ניעזאַקאָננאָ־פּראָזשיװאַיושצאַ" (װאָהנט אונגעזעצליך). נו־ס, בין איך געקומען מאַכען „ספּראַװקעס".

— פּריץ! — האָט לײַבע אויסגעשריען, און האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט בײַדע הענד אָן טיש, — פּריץ, מאַך אונז ניט אומגליקליך!.

מאָטע האָט אַ קוק געטאָן פריהער אויפ'ן טאַטע'ן, װי ער שטעהט אין גאַנצען װי מיט שװייס בעדעקט און טרײַסעלט זיך װי אין קדחת, דערנאָך אויף מיכיי'ען, מיט זײַן פערגאָסענעם שמאַלציגען פּנים, װי ער שטעהט און שמײַכעלט זשמורענדיג זײַנע שמאָלע חזיר'שע אויגעלעך, און אָנװײַזענדיג אויף איהם מיט'ן בײַטש־שטעקעל, האָט מאָטע הײזעריג אויסגערעדט:

— דאָס איז זײַן אַרבײַט, טאַטע, מיכיי'קעס אַ דאָנאָס...

מיכיי'קעס טעמפּער פּנים האָט זיך צוגאָסען אין אַ צופרידענעם שמײכעל.

מאַטע האָט אין איהם איינגעגראָבען די אויגען און דאָס בלוט האָט איהם אַ שפּאַר געטאָן אין קאָפּ.

איינבויגענדיג דעם קאָפּ, ווי אַ יונגער אָקסעל, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיחיי׳ען, און איידער אימיצער האָט נאָך צייט געהאַט איינצוהאַלטען איהם, האָט ער איהם אַ זעטץ געטהון מיט׳ן קאָפּ אין הארצען, פון וואָס מיחייקאַ איז ווי אַ שנאָפּ אַ פאַל געטאָן צו דער ערד, און אַרויפפאַלענדיג אויף איהם האָט מאַטע גענומען האַקען מיט די הארטע קולאַקעס איבער זיין פעטען פּנים אין קאָפּ, אין די זייטען...

— מאַטע, וואָס טהוסט דו?!—האָט זיך לייבע אַ וואָרף געטאָן אָבּרייסען דעם זוהן...

אין שטוב איז געוואָרען אַ מהומה. צעהנדליגע הענד האָבען זיך געהויבען אין דער לופטען און אויפגעפלאַכטען זיך צוזאַמען; מענשען האָבען זיך געקייקעלט אין איין קנויל אויף דער ערד, אויפגעהויבען זיך, ווייטער געפאַלען; פּנים׳ער פער־שוויצטע און אויפגערעגטע, אנדערע צובלוטיגטע, האָבען גע־שוועבט פאַר די אויגען, ס׳האָבען זיך געהערט שטימען הייזע־ריגע, בלוט־דורשטיגע . . . זידל־ווערטער, קללות האָבען זיך אויפגעגאָסען אין איין ווילדען קלאַנג...

אין מיט׳ן שטוב אויפ׳ן טיש, איז געשטאַנען דער אוראַדניק מיט אַ בלויזען שווערד אין האַנד און כסדר געשריען:

— הערט אויף! איך שיס!.. הערט אויף, זאָג איך, וואָרום איך שיס!...

נור איבער אַלעמען האָט געקלונגען מאַטע׳ס אויפגע־רעגטער קול:

אונז אַרויסשיקען ?!.. מיך ?!.. אונזער שטוב!.. אונזער ערד!.. מײַנע פֿערד!.. אונז אַרויסטרײַבען ?! אַ טויט מאַכען!. אונזער שטוב! אונזער ערד!! אונז... פֿון אונזער דאָרף... איך... מיחײַקאָ, פּיאַניצע!.. לאָזט מיך... אונז אַרויסטרײַב...

און האַרטע קולאַקעס, זענען װי האַמערס, געפֿאַלען רעכטס און לינקס.

אַנאַגראֶדע

I.

אַלע סטעפּאַנאָווקער האָבן אַ שם אויף דער וועלט פאַר־
גרויסע שווימער.

דאָס שטעדטעל ליגט בײַם ניעמאַן, האָט צו טהון
בסדר מיט פליטען, פלושקעט זיך יעדערער פון קלײנווײז אָן אין
טײַך, און שווימט ווי אַנ׳ענטעל.

און אבנר שצופאַק איז געווען צווישען סטעפּאַנאָווקער
שווימערס, אַ שווימער.

דורות־לאַנג, ווי זײַ האַלטען די וואַסער־מיהל. מען האָט
שטענדיג געלעבט פון וואַסער, געהאַט צו טהון אַרום וואַסער און
יעדערער אין דער משפחה לערנט זיך אויס שווימען, נישט קײן
ספק שפּעטער נאָכדעם, ווי ער לערנט זיך אויס געהן.

אבנר׳ס שפּרינגען פון בריק גלײַך אין „קעסעל־גרוב״ אַרײַן,
זײַן גרונטעווען, מיט זײַן לענגען קלאַפּטער, האָט צו זיך אין
גאַנץ סטעפּאַנאָווקע קײן גלײַכען ניט געהאַט. און האָט איהר
געהאַלט זעהען, ווי מען שווימט וויצענדיג, צי ווי מען לאָזט זיך

אַראָב אונטער׳ן װאַסער בײַ אײן ברעג און מען קומט אַרױס בײַ׳ם צװײטען, — האָט איהר בלױז געדאַרפט בעטען אַבנר׳ן.

אָבער די דאָזיגע בריה׳שאַפט זײַנע אין שװימען האָט איהם צו־טײַער געקאָסט.

די מעשה דערפון איז אַזױ געװען.

װען דאָס גרױסע געװיסער האָט חרוב געמאַכט דאָס לינקע האַלבע סטעפּאַנאָװקע, איז אַבנר׳ס װאַסער־מיהל געװען די ערשטע כּפּרה: ס׳האָט זי אַזױ אַראָבגעשװענקט, אַז װען נישט די „פּאַל־יעס", װאָס האָבען שפּעטער, װען דאָס װאַסער איז אָבגעפאַלען, געטאָרטשעט פון װאַסער, — װאָלט מען קײנמאָל נישט געגלױבט, אַז דאָ איז װען ס׳איז געשטאַנען אַ בנין. די רױשיגע כװאַליעס האָבען אַראָבגעריסען די מיהל, װי זי איז געשטאַנען, און אַװעק־געטראָגען זי מיט׳ן שטראָם, װי אַ שפּענדעל, איבער׳ן ניעמאַן, העט־װײַט אין קוריש־האָף אַרײַן, פון דאָרטען, איבער׳ן באַלטישען און דײַטשען ים, אַז צום אַטלאַנטישען ים, װאו סטעפּאַנאָװקער אידען, װאָס זענען געפאָהרען קײַן אַמעריקאַ, האָבען אפשר בע־געגענט אַ בערװענע פון אַבנר׳ס מיהל, װאָס האָט זײַ אָבגעגע־בען אַ גרוס פון זײַער ליעבער שטעדטעל.

חוץ דער מיהל, איז אַבנר׳ס תבואה־שפּײַכלער, װאָס איז געשטאַנען נישט װײַט פון מיהל, אויך נישט אַרױס טרוקען פונ׳ם געװיסער. דאָס װאַסער האָט אױפגעריסען די פּאָדלאָגע, האָט זיך אױפגעהױבען ביז צו די פענסטערלעך, און פון דאָרטען האָט זי זיך רױשענדיג און קאָלאָקטשענדיג אַרױסגעריסען, צוזאַמען מיט די קערנער...

איז אַבנר אַרױס פון דער פערפלײַצונג ערגער װי נאָך אַ שרפה.

האָט ער גענומען שרייבען צו נאָהנטע און ווייטע קרובים, מען זאָל איהם בעהילפיג זיין „שטעלען זיך אויף די פיס".

אויף די אַלע בקשה-בריעף האט זיך אָבגערופען איין לייבעל נחמה'ס, אבנר'יכעס פלימעניק, פון סאמארא.

לייבעל איז געווען א פגם אין דער משפחה: ער איז געווען א שניידער. דער איינציגער שניידער אין א משפחה, וואָס האָט אין זיך קיינמאָל קיין בעל-מלאכה נישט געהאט. געהאָדעוועט זיך א יתום אָהן א טאַטען און אָהן א מאַמען, געוואַלגערט זיך אַמאָל ביי דעם קרוב, אַמאָל ביי יענעם, און לערנען אויך נישט געוואָלט, האָבען זיך קרובים מיישב געווען: ס'וועט פון איהם סיי-ווי-סיי קיין לייט נישט זיין, לאָמיר איהם נאָר אָבגעבען צו א בעל-מלאכה. קודם וועט מען דאָך איהם נישט דארפען געבען עסען.

שפּעטער האט מען איהם אָבגעגעבען פאר א סאָלדאט און אַוועקגעשיקט דיענען קיין סאמארא. האט ער דארטען, נאָך אין סלוזשבע זענענדיג, חתונה געהאט מיט א דיענסט-מיידעל. ווען ער האט זיך אויסגעדיענט, האט ער געעפענט א „וואָיענע מאַס-טערסקאיע" און איז געבליבען זיצען אין דער רוסישער שטאָדט.

איז געוועהנליך האָט מען אויסגעמיידט צו ריידען וועגען לייבלען און אפילו די „לשנה-טובה", וואָס ער פלעגט אַלע יאָהר אריינשיקען אויף ראש-השנה, פלעגט אבנר'יכע אויך מקבל-פנים זיין מיט פערצויגענע ליפען. נאָר איצט, אין אַנ'עת-צרה, האָט מען זיך אָן איהם אויך דערמאָהנט.

און לייבעל איז בטבע געווען א נוטער, אגב האָט ער אפנים געוואָלט אויספיינען זיך פאר זיין ווייב מיט דער מיוחס'דיגער משפּחה זיינער, האט ער באַלד אָבגעשריבען דעם פעטער

אַ בריעף, אַז ער איז, גאָט צו דאַנקען, געזונד, דאָס נעמליכע פון איהם צו הערען, צווייטענס, קומט ער צו שרייבען, דער פעטער זאָל פאָלגען זיין „אייצע" און קומען צו איהם קיין סאַמאַרע.

„וואָסצעך דער פעטער דאָרטען טוטשען אין דער קאַפּצאַ-נישער סטעפּאַנאָווקע — האָט לייבעל געשריעבען, — בראָשעט ליעבער פעטער אַלע אייערע „אַסאָקעס" און קומט צו אונז קיין סאַמאַרע וועל איך אייך שוין פריסטראָיען אַפען ערגסטין אייפּין קענטיר דאָ ווערין אַ לאַזין צו גאָר לערנען מיט אינגלאַך מיר זיינען דאָ קיינייגאָרע אַ פּאָר הונדערט אידעסע סעמייסטוועס און מיר האָבין ניט קיין איין רעכטין מילאַמעט פאַר אזא אידען ווי איר קאָטאָרי קען שיין דאַוונען פאַרין אָמעט און גוט לערנען לומעש מיט ראַשע איז פאַרינען הונדערט (100) רוביל אַ לעדעש אַ אינגרושקע אייב איר זייט סאָגלאַסנע וועליך אייך טייקעף זמיאַט אַרויסשיקען פופציק (50) רוביל און ווי נאָר איר וועט פּאָלוטשען די געלד פאָרט נעמעדליענע אַרויס און אירט מירצעשעם קיין לאַראָטע ניט האָבען ווי עס ווינשט אייך אייער האָלגעשעצטער און ליבער פּלעמיאַניק לייבעל בעזובראָדקע! וואָס קאַסאַיעט זיך פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, וועלען מיר זעך שיין אַנאַייצע געבין איר זענט ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער זאַיעץ אין סאַמאַרא".

די „אייצע" איז אַפּילו אבנר'ן נישט שטאַרק געפעלען: נעה ריים זיך אָב פון דעם אָרט, צו וועלכען דו ביזט דורות-לאַנג צוגעוואַקסען, און לאָז זיך אוועק ווייס איך וואו! — נאָר וואָס זאָל ער טהון? ער קאָן זיך עפּעס בעסער העלפען? האָט ער געשריבען לייבלען, אַז דער פּלאַן זעהט איהם אויס

צו זײַן אַ גלײַכער פּלאַן און זאָל ער אַרויסשיקען געלד, וועט ער גלײַך אַרויספאָהרען.

ווען דאָס געלד איז אָנגעקומען, האָט, אַבנר העלפט איבערגעלאָזען דער ווײַב, און מיט דער צווייטער העלפט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזען צו זײַן פּלעמיאַניק קײַן סאַמאַרא.

— אָפשר איז בעשערט, מען זאָל אויף אַזאַ אופן אויפגעריכט ווערען — האָט ער געטרײַסט זײַן דאָבען, — עס איז דאָך עפּעס פאָרט ראַסיע.

II.

ס'איז געווען אַ דושנער זומער־פּאַרנאַכט.

אבנר שצופּאַק איז געגאַנגען פון זיין לעצטען „אוראָק" אַהיים און געקלערט וועגען דעם, אַז לערנען עברי מיט די סאַמאַרער בורילעס איז אַ סך שווערער, ווי שלעפּען זעקלעך קאָרן אויף די געדרעהטע טרעפּלעך צום „ציליגדער" אין וואַסער־מיהל.

דאָרטען, נאָך אַ טאָג ארבייט, פלעגט ער זיך פיהלען געזונד, מונטער און גוט הונגעריג, און דאָ, נאָך אַ טאָג קנעלען מיט די בייבאַקעס, פיהלט ער זיך מיעד, שוואַך און אָבגעלאָזען, האָטש נעהם און דרעה איהם אויס, ווי אַ שמאַטע. אין האַרצען טהוט וועה, אין האַלז איז טרוקען און עסען קריגט אין האַלז נישט. און אַ חוץ, וואָס ער קען זיי אַ שייטעל עברי אין די קעפּ נישט אַריינהאַקען, האָט ער נאָך פון זיי אויסצושטעהן געהאַקטע צרות מיט בזיונות אויפ'ן פוד. זיי לאַכען פון זיין בערדעל, פון זיין פאַפּיערענעם קראַגען, פון זיין צו־גרויסען קאַפּעליוש; קרימען איהם איבער, ווי ער רעדט רוסיש: „גאָי, אוציטע טראָחאָחע פאָ יעווריי־סקי"... פאַרהאַן אזעלכע תלמידים־ארעסטאַנטען, וואָס ווי זיי דערזעהען איהם, אזוי אַנטלויפען זיי גאָר, און ער דאַרף זיך נאָך זיי נאָכיאָגען איבער'ן גאַנצען הויף. אין תכשיט האָט ער, וואָס צורעוועט זיך

גלאַט נאָר-עפּעס אויפ'ן קול, פּונקט מען וואָלט פון איהם לעבע-דיגערהייד די הויט געשונדען. די מנושמ'דיגע „מאַמאַשע" קײַקעלט זיך אַריין אַנ'אָנגעדרודעלטע און צושפרייט די קורצע דיקע הענד.

— איך פאַניִמאַיִע, וואָאָבשצע, ניט ק'טשעמו די גאַנצע קאַניִטעל? ער'ט וּויסאָ ראַוונאָ קיין ראַבּין ניט זיין, טאַק צו וואָס לאָזט מען נאַפּראַסנאָ מוטשען די בעדנאָיע דיטיאַ?...

„אַ „דיִטיאַ", ווי אַ בּייקעל; ער קען פערמוטשען און אַריינ-טרייבּען אין טשאַחאָטקע צעהן מלמדים, איידער פון איהם וועט אַ לויט פּלייש אָבּפּאַלען",— קלערט אַבנר בעת-מעשה. נאָר זאָגען דאָס דער גוטהערציגער „מאַמאַשאַ" קען ער ניט. גיט ער איהר צו פערשטעהן, פערענטפערט זיך פאַר איהר, אַבי מען זאָל ביי איהם נישט אָבּנעהמען דעם טייערען תּלמיד, דאָס הייסט, די צעהן רובּל אַ חודש, וואָס מען צאָהלט איהם פאַר אויסלערנען דעם תּכשיט דאַוונען.

אַרויפגעהענדיג אַ פערטיעפטער אין זיינע אומעטיגע גע-דאַנקען, אויפ'ן בּריק, וואָס צוטיילט די שטאָדט אויף צוויי העלפט, — האָט אַבנר אויפגעהויבּען דעם קאָפּ און טיעף איינגעאָטעמט:

— אַ-אַ-אַ!... אַ מחיה!...

אַ קיהלער, פייכט ווינטעלע האָט געצויגען פון טייך און האָט אָבגעפּרישט דעם צופריהעטען און אויסגעמאַטערטען קערפּער.

אַרויפגעהענדיג פון דער פערשמאַכטער און פערשטויבּטער גאַס אויפ'ן בּריק, האָט מען זיך בּאַלד דערפיהלט, ווי מען וואָלט פון אַ פערשטיקטען, דושנעם צימער צוגעגאַנגען צו אַנ'אָפענעם פענסטער, וואָס קוקט אַרויס אין אַ געדיכטען

גאָרטען, פֿון װעלכען עס ציהט אַ ריח פֿון זשאַסמין און פֿײַכטקײַט.

אַבנר האָט אַראָבגענומען דאָס היטעל, אָבגעװישט דעם שװײַס פֿון שטערען, אָנגעשפּאַרט זיך אָן פּאַרענצע און פֿערקוקט זיך אויף דעם טײַך.

די געלבליכע װאַסערען פֿון דער ברײַטער װאָלגאַ זענען רוהיג געפֿלאָסען, שאַפֿענדיג אַ װײַסען שוים בײַ די שטײַנערנע פֿונדאַמענטען פֿון בריק. די קרומע שטראַהלען פֿון דער פֿערגעהענדיגער זון האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין טײַך און צוגעגעבען איהר ערטערװײַז אַ לעבעדיגערען, פֿעררויטעלטען קאָליר; נעגענאיבער האָט געפֿלאַמט דער מעריב־האָריזאָנט, אַז'אַנזאָג, אַז מאָרגען װעט די זון ברענען, װי אין אַ קאַלך־אויװען.

אָבער נישט די שענקײַט פֿון דער נאַטור האָט אינטערעסירט אַבנר שצופּאַק. זײַן אויפֿמערקזאַמקײַט האָבען צוגעצױגען צו זיך די שװימער.

פֿון די הילצערנע, שקריפּענדיגע זומער־בעדלעך, װאָס האָבען זיך געװיעגט אויפ'ן טײַך נישט װײַט פֿון בריק, זענען יעדע מינוט אַרויסגעגאַנגען נאַקעטע מענשען, האָבען זיך אַרײַנגעװאָרפֿען מיט דעם קאָפּ אין װאַסער אַרײַן און געלאָזט זיך שװימען. אַנדערע זענען געשפּרונגען אַז פֿון דעכעל אַראָב, פֿערפֿאַלען געװאָרען אַ װײַלע אונטער'ן װאַסער, צוריק באַװיזען זיך און, טרײַסלענדיג מיט די קעפּ, פּירקענדיג און בלאָזענדיג פֿון זיך, געלאָזט זיך שװימען איבער'ן אָפֿענעם טײַך.

אַבנר האָט צוגעקוקט און אין איהם האָט ער זיך ערװעקט דער אַלטער שװימער. ער האָט זיך דערמאָהנט, װי ער פֿלעגט בײַ זיך אין סטעפּאַנאָװקע ליגען, װי אַ פֿיש אין װאַסער, װאָס

פאַר אַ קונצען ער פלעגט בעוויַיזען אויפ'ן טיַיך און ווי דער גאַנצער עולם, וואָס פלעגט שטעהן אויפ'ן ברעג, פלעגט אָנקוקען און חאוּנדערען זיך: „זעהט, זעהט וואָס ער טהוט! ער שווימט מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף!"

„אויך מיר שווימער, — האָט שצופּאַק געקלערט, קוקענדיג אויף די באָרענדיגע. — געדאַרפט זיי וויַיזען, וואָס היַיסט שווימען!"

און נישט לאַנג קלערענדיג, איז ער אַראָב פון בריק און האָט זיך געלאָזען מיט'ן ברעג צו די קופּאַלניעס.

III.

אבנר האט קוים צייט געהאט אראבצווארפען פון זיך די קאפאטע און אויסטהון די שיך, ווען פון צעהנדליגער מיילער האט זיך ארויסגעריסען אנ'אונרוהיגער געשריי.

— ער טרינקט זיך! א מענש טרינקט זיך!

אין א סעקונדע איז אבנר ארויסגעשפרונגען אויפ'ן שמאלען בריקעל פון דער קופאלניע און דערזעהען, ווי נאקעטע און האלב-נאקעטע מענשען שטעהען צוטומעלטע און דערשראקענע, כאפען מיט די הענד, ווייזען אן אויף דעם ארט, וואו דאס וואסער רוישט און דרעהט זיך, ווי אין א לייקע, און שרייען אלע מיט א מאל:

— אט דא, אט דא איז ער אראב... אין „וואראנקע", אין קעסעל-גרוב!...

דער בריק איז אין איין מינוט שווארץ געווארען פון מענשען, וואס האבען זיך געשפארט צום פארענצע נייגיעריגע, מעהר ווי דערשראקענע.

אין זעלביגען אויגענבליק האט זיך אויפ'ן וואסער בעוויזען א קאפ מיט די האהר צוגעפלעשקעט, ווי זיי וואלטען געווען גלאט פערקאמט איבער די אויגען, ס'האבען זיך א ווארף געטהון

אין דער הויך צווייַ הענד, ווי צוויי פליגלען, ס'האָט זיך דערהערט אַ פערצווייפעלטער געשריי: „אָה-אָה-" און דער קאָפּ מיט די הענד זענען ווידער פערשוואונדען אונטער'ן וואַסער, איבער-לאָזענדיג אויף דער אויבערפלעכע עטליכע קרייזען און בלעזלעך, וואָס האָבען אַ סעקונדע געבולבעלט און האָבען נאָכהער איינס נאָך דאָס אַנדערע געפּלאַצט.

דער עולם אויפ'ן בריק און ביי די בעדלעך האָט אַרויסגע-לאָזען נאָך אַ העכערען געשריי. יעדערער האָט אויסגעצויגען די הענד פאַראויס, ווי ער וואָלט איהם געוואָלט ראַטעווען, אָבער קיינער האָט זיך נישט געוואָרפען צו הילף.

אַלס געניטער שווימער, האָט אבנר גלייך געזעהען, אַז אויב מען זאָל וואַרטען נאָך איין מינוט, וועט זיין צו-שפּעט. ער האָט אויך געזעהען, אַז דער אָרט, וואו דער מענש איז אַרונטער, איז זעהר געפעהרליך; אָבער נישט קוקענדיג דערויף, האָט ער אַ ריס געטהון פון זיך דאָס וועסטעל, האָט זיך אין וועש און הויזען אַריינגעוואָרפען אין וואַסער אַריין און איז פערשוואונדען.

דער הונדערט-קעפּיגער עולם אַרום איז אַ ווייַלע שטיל געבליבען, ווי מען וואָלט דאָ געשטאַנען ביי יציאת-נשמה. עס איז אַוועק אַ מינוט אין שווערער ערוואַרטונג. נאָכהער האָט זיך אבנר בעוויזען אויפ'ן וואַסער. מיט איין האַנד האָט ער „געלעגט קלאַפּטער" און מיט דער צווייטער האַנד האָט ער געשלעפּט פאַר די האָהר דעם האַלב-דערטרונקענעם פּאַרשוין, אונטערגעבענדיג איהם די גאַנצע צייט מוט: „האַלט זיך אויפ'ן וואַסער; לאָז זיך נישט אָפּ"... אָבער יענער האָט אַ פּנים געזעהען דעם טויט פאַר די אויגען און האָט זיך געוואָלט ראַטעווען, ווי פאַר איהם האָט זיך געדוכט, איז בעסער, האָט ער אַ דריגע געטהון מיט די

פּיס, אַ וואָרף געטהון זיך צו זײַן רעטער און אײַנגעטשעפּעט זיך מיט בײדע הענד אָן זײַן האַלז, ווי מיט צוואַנגען... אַבנר האָט אַרויסגעלאָזען דעם פּאַרשוינ'ס האָהר פון האַנד און גענומען אָבריַיסען די האַלב-פערגליווערטע פינגער פון זײַן האַלז, אַרבײַ-טענדיג די גאַנצע צײַט מיט דער צווײַטער האַנד. די משא איז אָבער געווען צו-שווער. ער זאָל זיך לאַנג קענען האַלטען אויפ'ן וואַסער, ניט אַרבײַטענדיג מיט בײדע הענד. און, זעהענדיג, אַז זײ שטעהען בײדע אין געפאַהר דערטרונקען צו ווערען,—האָט ער איהם דערלאַנגט אַ שטאַרקען זעץ מיט'ן קולאַק צווישען די אויגען. די צונויפגעקלאַמערטע הענד זענען לויז געוואָרען, און דער האַלב-טויטער פּאַרשוין איז צוריק אַראָב צום גרונד.

אַבנר האָט זיך אַ לאָז געטהון נאָך איהם.

אין אַ מינוט אַרום איז ער וויעדער אַרויפגעשוואומען, נאָכ-שלעפּענדיג נאָך זיך, דאָס מאָל, אַ בעוואוסטלאָזען מענשען, וואָס האָט שוין ניט געשטערט צו ראַטעווען איהם.

— אַ שטריק אַהער!—האָט ער אַ געשרײ געטהון,—איך קען זיך שוין ניט האַלטען אויפ'ן וואַסער.

מען האָט איהם אַוואָרף געטהון אַ לאַנגע שטריק און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער מיט דעם דערטרונקענעם געווען אויפ'ן ברעג.

דער גרויסער עולם, וואָס האָט זיך דערווײַל פערזאַמעלט אויפ'ן ברעג און אויפ'ן בריק, האָט איהם בעגעגענט מיט אַ הורא, מיט אַ בראַוואָ און מיט אַ פּאַטשערײַ. דער פּריסטאַוו, וואָס איז אָנגעקומען אויף דעם אָנגעלויף, האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורכ'ן עולם און איז צוגעגאַנגען צו אַבנר'ן, וואָס איז געשטאַנען אַ נאַסער, טרײסלענדיג זיך פון קעלט און מידקײַט, און האָט איהם אַ קלאַפּ געטהון איבער'ן פּלײצע.

— מאָלאָדאָיעץ! הערא! איך וועל אָנשרײַבען דעם פּאָליציימייסטער אַ ראַפּאָרט, ער זאָל אייך פאָרדסטאַווען צו אַ נאַגראַדע. איהר וועט אָביאַזאַטעלנע בעקומען אַ מעדאַל!

דערזעהען פאַר זיך דעם פּריסטאַוו, האָט אַבנר׳ן אָנגעהויבען טרייסלען — פון שרעק, מעהר ווי פון קעלט. ווען די העמד און הויזען וואָלטען אויף איהם ניט געווען נאַס, אָדער ווען ער האָט חאָטש אויף זיך די איבריגע זאַכען, וואָלט ער זיך אַרייננערוקט צווישען עולם און אָבגעטראָגען זיך... דער פּריסטאַוו זעהענדיג, אַז ער ציטערט, האָט אַרום איהם געכלעפּאָטשעט, ווי אַ לייבליכער ברודער.

— עס רינט דאָך פון אייך, ווי פון אַ דאַך נאָך אַ רעגען, געהט גיכער אַריין אין קופּאַלניע און טהוט פון זיך אוים די נאַסע זאַכען, אַז ניט, קאָנט איהר זיך נאָך פערקיהלען.—האָט ער איהם אַליין געפיהרט צום קופּאַלניע און געהאָלפען איהם אַראָבשלעפּען פון זיך די נאַסע וועש, וואָס האָבען געקלעפּט צום לייב.

און ווענדענדיג זיך צו איינעם פון די פּאָליצייסקע, וואָס זענען דערבײַ געשטאַנען, האָט ער בעפוילען:

— סיזאָי! אויף גיך אין „פּריאָמני פּאָקאָי" פון אונזער אוטשאַסטאָק און ברענג אַ גאַנג טרוקענע וועש און אַ חאַלאַט!

אַבנר האָט זיך געפּרובט אַרויסדרעהען פון פּריסטאַוו׳ס גוטהערציגקייט.

— צו וואָס זאָלט איהר זיך בעאונרוהיגען, גאָספּאָדין פּריסטאַוו: די העמד וועט אַ ווײַלע הענגען אויפ׳ן ווענדטעל, וועט זיך אויסטריקענען.

— דאַ טשאָ ווי, קאַקאָיע טאַם בעזפּאָקאָיסטוואָ! — האָט

האָט דער פּריסטאַוו אַרויסגעוויזען זיין פריינדליכקייט,—אַדרבה,
ס'איז מיר זעהר אַנגענעהמען צו דינען אַזאַ „העראָי", וואָס האָט
אַרויסגעוויזען אַזאַ מוטיגקייט און אַזאַ דרייסטקייט.

דעם דערטרונקענעם האָט מען דערווייל נעקייקעלט אין
לייליכער, געהויבען די הענד אַרויף און אַראָב, צוגעלייגט זיך
צו דער ברוסט, געקנאָטען דעם בויך, ביז מען האָט איהם גע-
בראַכט צו-זיך.

ווען דער גאָראָדאָוואָי האָט געבראַכט די זאַכען, האָט דער
פּריסטאַוו געהייסען אָבּרייבען דעם „העראָי" מיט אַ האָריגען
האַנדטוך און האָט איהם געהאָלפען איבערטהון זיך אין טרוקענע
וועש און אין אַ גרויסען חאַלאַט, וואָס האָט זיך איהם נעפּלאָנ-
טערט אונטער די פיס.

פאַרטיג געוואָרען מיט איבערטהאָן אַבגר'ן און אָנטהאָן
דעם אָבגעראַטעוועט'ן, האָט דער פּריסטאַוו אַרויסגענומען זיין
ביכעל און געזאָגט:

— נו, גאָספּאָדאַ, איצט לאָמיר צו טרעטען צו דער פאָר-
מאַלנער זייט פון דער זאַך.

אַבּנר האָט גענומען קוקען אַרום זיך, ווי ער וואָלט בּרעה
געהאַט בעסער צו מאַכען אַ שפּאַציר איבער'ן שטאָדט אין די
שפּיטאָל-מלבושים, אײדער האָבען צו טהון מיט „פאָרמאַלנאָ-
סטען", וועלכע האָבען זיך נאָך, ווי וויית ער געדענקט, קיינמאָל
ניט געענדיגט צו גוטען פאַר איהם.

— וואָס טויגען אונז די פאָרמאַלנאָסטען? אַ זאַך ווי מען
זאָגט, אַ סעמיינע, איינער קען ניט שווימען און האָט געוואָלט
דוקא שווימען ביי דער „וואַראָנקע", איז געקומען אַ צווייטער.

וואָט קען שווימען, און האָט איהם געוויזען, וואָס שווימען איז. אָט איז נאָר! — האָט אַבנר געוואָלט אויסמיידען נעהנטערע בעקאַנטשאַפֿט מיט׳ן פּריסטאַוו, מאַכענדיג די גאַנצע זאַך צו גאָרנישט.

— וואָס מיינט איהר פֿאַר אַ פֿאָרמאַלנאָסטען וועלען מיר דאָ האָבען? — איך וועל פֿערשרייבען אייערע ביידענס נעמען און אַדרעסען — דאָס איז נאָר!

אַבנר האָט נישט ווילענדיג אַ ביטערען שמייכעל געטהון. „נישט מעהר” ווי די נעמען און אַדרעסען — האָט ער מיט איראָניע געטראַכט, — אַ נס, ער וויל נישט וויסען מיין טיטול, צי גאָר מיין טאָכטער פֿאַר אַ ווייב”...

— דאַ טשטאָ טאַם! — האָט ער זיך אַלץ געפּרובט אַרויסדרעהען — שרייבט, גאָספּאָדין פּריסטאַוו, „און איז אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען דורך אַ פֿערביי-געהער”.

— דאַ טשטאָ ווי, איך דאַרף דאָך שרייבען אַ ראַפּאָרט פּאָ נאַטשאַלסטוואו! נאַקאָניעץ, וויל איך טאַקי מען זאָל אייך פּרעדסטאַווען ק׳נאַגראַדיע... איהר האָט עס כשר פֿערדיענט.

— ע, צו וואָס טויגען מיר די נאַגראַדעס! — האָט שצופּאַק מוחל געווען דעם כבוד, — אַ גרויסע זאַך דאָ אויסגעטהון! אַ מענש טרינקט זיך, דאַרף מען דאָך איהם ראַטעווען.

— ניין, ניין זאָגט עס נישט! — האָט דער פּריסטאַוו דוקא געוואָלט מזכה זיין איהם מיט אַ נאַגראַדע, — אַזוי איז שוין די פּאָלאָזשעניע: אַז איינער ראַטעוועט אַרויס אַ מענשען פֿון טויט, שטעלענדיג דערביי זיין אייגענעם לעבען אין געפֿאַהר, קומט איהם אַ מעדאַל „זאַ ספּאַסעניע פּאָגיבאַיושציך” און אָפֿט קריגט מען טאַקי אַ געלד-נאַגראַדע אויך, ווי דען, ווי דען! אַלזאָ, ווי רופֿט מען אייך?

אַבנר האָט געזעהען, אַז ער וועט זיך דאָ נישט אויס-דרעהען, האָט ער קוים אַרויסגערעדט:

—שצופּאַק...

— און אייער נאָכען און טאַטען'ס נאָמען?

— אַבנר יששכר'ראָוו...—האָט ער אונגערן געשטאַמעלט.

— האַ, ווי?—האָט דער פּריסטאַוו איבערגעפרעגט. ווי ער וואָלט נישט געגלויבט זיינע אויערען.

— אַבנר יששכר'אָוו..

— א יוד?—האָט דער פּריסטאַוו אַ פיהר געטהון מיט די גרויסע וואָנסען, אַ שטיינער, ווי ער וואָלט פעריבעל געהאַט, וואָס מען האָט דאָ פון איהם די גאַנצע צייט חוזק געמאַכט.

— א יוד—האָט אַבנר, ווי שולדיג, געענטפערט.

— המ!.. און וואו וואָהנט איהר?

— איך וואָהן ערגעץ נישט... כ'בין נאָר-וואָס געקומען צו פאָהרען.. געגאַנגען פון וואָקזאַל..

—אַהאַ, איך פערשטעה שוין! אַ בעזפּראַוונער יוד!.. אפשר זענט איהר ערשט מאָרגען געקומען?—האָט ער איראָניש געשמייכעלט—דאָס איז שוין בײַ מיר אַ פּראַווילע: זאָגט אַ יוד, ער איז נאָר-וואָס געקומען, בין איך זיכער, אַז ער האָט קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ נישט... נו, און דאָקומענטען האָט איהר?

דער איינציגער „דאָקומענט", וואָס אַבנר האָט געהאַט איז געווען זיין פּאַספּאָרט.

דער פּריסטאַוו האָט איהם דורכגעקוקט און אַ קוועטש געטהון מיט די פּלייצעס:

— נ'דאַ-ם... נישט קיין אַנגענעהמע זאַך. טאַקי ווי מען זאָגט, „פּאָלאָזשעניע חושע גובערנאַטאָרסקאַוואָ"... אַ מענש

בּעגעהט אַזאַ העראָיסקי פּאָדוויג, און מיט אַמאָל — וואָס טיעבע אַי נאַ! נאָר אַ בּעזפּראַװנער יוד! . . . וואָס־זשע טהו איך איצט מיט איך, אַ? — האָט ער זיך אַ קעהר געטהון צו אבנר'ן, ווי ער וואָלט געזאָגט: „דער שווארץ יאָהר האָט דיך אַהער געבּראַכט"! איך מוז דאָך האַנדלען פאַ זאַקאָנו, איהר פערשטעהט, צי נײן? — האָט ער זיך, ווי פערענטפערט. מילא, אַז קיינער וואָלט דערבּיי נישט געווען, נו, טאַגדא דיעלאָ דיעסאַטאָיע . . . קען מען פאַר אַזאַ פּאָדוויג טהון אַ מענשען אַ טיבה, אָבּער דאָ, פערשטעהט איהר מיך, איז דאָך אַ פּובּליטשנאָ... אַ גאַנצע שטאָדט האָט געזעהען. און ווי וועט עס אויסזעהען: כ'בּין געווען איפ'ן אָרט פון דער פּאַסיִרונג און ווייס נישט ווער דער רעטער איז, ווי ער הייסט און וואו ער איז אהינגעקומען! איהר פערשטעהט, מיין ליעבּער, וואָס פאַר אַ פּנים איך קען דאַמאַלס האָבּען בּיי'ם פּאָ־ליצײמייסטער? נײן, מיליישו מאָי, איך קען גאָרנישט מאַכען.

— אפשר...

— נײן, גאָלובּטשיק, רעדט גאָרנישט — האָט איהם דער פּריסטאַוו ווייטער נישט געלאָזט רעדען, — איך בּין דאָך אַלײן אַ פערהייראַטער מענש, אַ פאָטער פון אַ פאַמיליע, גלויבּט מיר, עס טהוט מיר לייד פאַר אייך, נאָר געהט אַרײן אין מיין לאַגע אויך: איך קען דאָך נישט ריזיקירען מיט מיין קאַריערע . . . — האָט ער זיך געבּעטען בּיי אבנר'ן, פּונקט ווי זיין גאַנצע קאַר־יערע וואָלט אָבּגעהאַנגען אָהן איהם, און נישט פערקעהרט. נאָר איינס צו דאָס אַנדערע געהערט עס ניט: אַ מעדאַל וועט איהר זיכער בּעקומען...

און אבנר שצופאַק, אויסגעפּוצט אין קאַזיאָנע וועש, אין גרויסען חאַלאַט און אין האַרטען קאַפּעליוש, אָנגערוקט איבּער

די אױגען,—און אין דער בעגלײטונג פֿון צװײ פּאָליציײסקע, איז אָבגעשיקט געװאָרען אין אוטשאַסטאָק.

אַ דריטער פּאָליציײסקע האָט נאָכגעטראָגען זײן פּעקעל־נאַסע זאַכען...

נאָכדעם, װי מען האָט איהם אָבגעהאַלטען אַ מעת־לעת אין „חאָלאָדנע“, צװישען דער שענער חברה פֿון פּאָרט־באָסיאַקעס, קעשענע־גנבים און שכּורים, האָט מען איהם אַרױסגעגעבען אַ „פּראָחאָדנאָיע“ און אין דער בעגלײטונג פֿון אַ גאָראָדאָװאָי אָבגעשיקט אױפ'ן װאָקזאַל, פֿון װאַנען יענער האָט איהם געדאַרפֿט בעזאָרגען מיט אַ בילעט „דאָ מעסטאַ פּריפּיסקי“ און זעהן, ער זאָל אַװעקפֿאָהרען.

— געװעהנליך שיקט אונזער פּאָליציײמײסטער אָב אַלע „ניעזאַקאָנאָ־פּראָזשיװאַיושציע“ יודען מיט'ן עטאַפּ, נאָר אַ דאַנק מיין ראַפּאָרט װעגען אײער העראָיסקי פּאָהװינג און מײן פּער־זענליכער בקשה, האָט ער אײנגעשטימט צו געבען אײך אַ פּראָ־חאָדנאָיע און לאָזען אײך פֿאָהרען אױף אײגענעם רעכנונג, און פֿאַר'ן אונגעזעצליך װאָהנען אױסער דער טשערטאַ, זאָלט איהר אױך נישט מורא האָבען—האָט איהם דער פֿרײנדליכער פּריסטאַװ פֿערטרױט אַ סוד,—איך װעל שױן אַזױ אָנשרײבען דעם ראַפּאָרט אַז איהר װעט אָבקומען מיט אַ קלײניגקײט . . . נו, האָט אײך אַ גליקליכען װעג און זײט רוהיג: אַ מעדאַל װעט איהר אין דער ריכטיגער צײט זיכער בעקומען—האָט ער איהם געטרײסט.— װעגען דעם װעל איך שױן זאָרגען...

גוט אויבנעפירט

גריגאָרי סאַוועליִטש מיִראָגראָדסקי איז נאָר וואָס געקומען פון בית=עולם און האָט זיך געזעצט שבעה נאָך זיין ווייב איריִנאַ אַבראַמאָוונאַ.

זיינע צוויי פערהייראַטע זיהן, פאַוועל גריגאָריִטש און סאַוועלי גריגאָריִטש זענען אויך געקומען צוזאַמען מיט'ן טאַטען זיצען שבעה ביי איהם אין שטוב, וואו די מאַמע איז געשטאָרבען.

שטיל, אָהן ווערטער, האָבען זיך אַלע דריי צוזעצט אויף ווייכע פוס=בענקלעך, אָנגעשפאַרט די קעפ אויף די הענד און געשוויגען.

דער ערשטער האָט געשטערט די שטילקייט גריגאָרי סאַוועליִטש.

לאַנגזאַם אויסגלייכענדיג זיין גרויסע, ביינינגע און אָדערדיגע פיגור, האָט ער נישט געאיילט אַרויסגענומען פון דער הינטער=שטער ראָק=קעשענע אַ גרויסע קאָליִרטע פאַטשיילקע, אַראָבגענומען

פון קאָפּ דעם „קאַרטוז" מיט דעם גרויסען, פיערקאַנטיגען צעראַטענעם דאַשיק, וואָס האָט געדאַרפט בעשיצען זיינע שוואַכע אויגען פון דער זון; גוט אויסגעווישט דעם גלאַטען קאָפּ, און די האַלז, וואָס איז געווען בעצויגען מיט אַ הויט — האַרט און צעקנייטשט ווי די פעל פון אַ ווערבליוד און רויט, ווי געברענטע ציגעל, — און האָט מעהר צו זיך אַליין, ווי צו די זיהן, — געזאָגט:

— נ'דאַ-אַ! זי האָט מיר אָבגעטהון אַ שטוקאַ, די מאַטושקאַ!...

די זיהן האָבען געענטפערט מיט אַ זיפץ.

— קאַק ראַז איצט געהמען און שטאַרבען,—האָט גריגאָרי סאַוועליטש ווייטער אויסגעגאָסען זיין האַרץ, — גלאַווגאָיע איז באָלנאָ, וואָס ס'איז אַזוי נעאָזשידאַנאָ...

— דאַ,—האָט זיך דער עלטערער, פּאַוועל גריגאָריטש, אָבגערופען, — די קאָנטשינאַ פון דער מאַטושקאַ, אָלעשאָלעם, איז פאַר אונז אַ ניעאָזשידאַניי אודאַר... ביוואַיעט, אַ מענש איז אַ חילער, אַ קראַנקער; אָבער זי איז געווען אַזאַ קרעפּקע, אַזאַ קריאַזשיסטע סטאַרושקאַ, אַז איך געמיינט, זי וועט לעבען און לעבען, און דאָ — וואָט טיעבע נאַ! סוואַליעט זיך, און אין דריי טעג—קאַפּוט!

— אי אָטקודעוואַ האָט זיך ביי איהר גענומען אַ זאַוואָראָט קישעק?—האָט דער אינגערער, סאַוועלי גריגאָריטש, ניט געקענט פערשטעהן—אַ נאָווינע פאַר דער מאַטושקאַ געוועזען עסען בליני־צעס מיט סמעטאַנע אָדער מיט צעלאָזטע מאַסלע? ביוואַלאָ, זי באַקט אָן אויף מאַסלעניצע אַ גאַנצע הרודע בליני, נאַסטאָיאַשצע אָלאַדיעס, און מיר רייבען זיי טאַקי אַריין מיט פּאַיוסנע איקראַ

און מיט סמעטאנקע, טאק שטא עס געהט א רויך... און זי האט אויך געקאנט ארײַנהאַפּען א דיעסאטאק, דעם אנדערען, און — ניטשעוואָ; און דאָ, עפּעס א ניעסצאַסטיע בעשערט: אויפגעגעסען — כ'וויים ניט, אויב א דיוזשינע בלינצעס מיט טוואראג, און עס האט איהר סקרוטשעט — ראַז אי דוואַ!...

— דאָס איז פּאָטאָמו, זי האט זײַ געגעסען נאטאָשצאָק, אויף א פוסטען מאָגען — האט דער עלטערער ארויסגעוויזען א ידיעה אין דאָקטאָריע.

— א הלאַוונאָיע, ווײַל זי'ט זײַ ניט פּראָמאָטשעט מיט א ביסעל בראָנפען — האט גריגארי סאַוועליטש אויפגעוויזען. — ווען זי נעצט זײַ דורך פריהער מיט א ריומאָטשקע און נאָכדעם מיט א ריומאָטשקע וואָלט צו קײַן ניעשצאַסטיע ניט געקומען.

— קאָניעטשנאָ — האט פּאַװעל גריגאָריטש מסכים געוועון. — קײַן זאך ספּאָסאָבסטוועט ניט אזוי די פּישצעוואַרעניע, ווי א ביסעל זיבען-און-פופציגער.

— אָסאָבענאָ, בײַ זשירנע פּישצע, ווי נאַפּרימער, בלינצעס, אלאדיעס, קנישעס, א סאליאַנקע, א קולעביאקע, א פּיראָג ס'גריבאַמי אי טאַמו פּאָדאָבנאָיע — האט דער מיזיניק ארויסגעוויזען א גרויס בקיאות אין אכילה.

דער טאטע מיט די זיהן האבען זיך פערטראכט.

— נו, ניטשעוואָ ניע פּאָדעלאַיעש — האט דער עלטערער אבגעזיפצט, — מ'קען זיך ניט העלפען. ניקטאָ קאק באָג... געקומען איהר צײַט, איז זי געשטאָרבען... מינעסטאמע אזוי איהר בעשערט.

— נ'דאַ-אַ-אַ... — האבען די אנדערע צוויי אויסגעצויגען.

מען קען זיך, הייסט עס, ניט העלפען, און מען מוז זיך אונטערגעבען.

און ס'איז ווידער שטיל געווארען.

געזעסען א ווײַלע שטיל, האט זיך גריגארי סאוועליטש, אינטערקרעכצענדיג א ביסעל, אויפגעהויבען פון בענקעל און האט מיט גרויסע, שווערע טריט גענומען שפרייזען איבער'ן צימער. מיט א מאל האט ער זיך אבגעשטעלט, האסטיג א קעהר געטהון זיך, נאך דער אלטער געוועהנהייט.—„נאליעווא קרוגאם", און וועגדענדיג זיך צו די זיהן א זאג געטה'ן:

— און איכ'ל מוזען חאסג'אבען נאך אמאל!

די זיהן האבען זיך ביידע א ציה אויס געגעבען אויף זייערע בענקעלעך, און אויסגעגלאצט אויף דעם טאטען די אויגען: איז ער ביים זינען?

און אז גריגארי סאוועליטש האט געזעהן, אז די זיהן קוקען אויף איהם פערוואונדערט און שווייגען, — האט ער זיי ערקלערט:

— כ'מוז דאך האבען א חאזאיקע אין שטוב... איך קען דאך ניט זיין אדינאקע, ווי א שטיין...

— שטא טי, באטיושקא! וואס רעדסט דו? האט דער עלטערער שטיל און פערוואונדערט א פרעג געטהון.—נאר וואס געקומען פון די פאחאראנעס, רעדסט דו שוין פון... פון...

— און אבגעלעבט מיט דער מאמען, אלעשאלעס, זעקס-און-פערציג יאהר.—האט דער אינגערער אונטערגעחאפט.

— ניעט, הלאוונאיע, אין דיינע יאהרען.

— שטא זנאטשיט. אין מיינע יאהרען? אין מיינע יאהרען דארף מען לעבען אהן א באלעבאסטע, ווי א הונד? נאקאניעץ,

בין איך נאָך גאָר נישט אַזאַ סטאַריק — האָט ער זיך אויסגע-
גלייכט, אויסשטעלענדיג די ברוסט פּאָראויס, „פאָ וואָיענאָמו".

— וועסטו זיין ביי אונז, ביי מיר אָדער ביי סאַוועלין.

— איך וויל ניט זיין נאַ סטאַראָסטי ליעט ביי קינדער.
פּאָניאַלי? איך דאַרף ניט, די שנור זאָל זיך אויף מיר דויען,
פּאָנימאַיעטע אילי ניעט?

— שטאָ זנאַטשיט ביי קינדער? שטאָ זנאַטשיט די שנור
וועט זיך דויען? דו'סט עפּעס זיין אויף אונזער לאַסקע? דו
האָסט דאָך מעהר געלד פון אונז ביידען. דו'סט נאָר זיין מיט
אונז אינאַיינעם, דו זאָלסט ניט זיין אַזוי אָדינאָקע, און דו וועסט
האָבען פון אונז דעם גרעסטען פּאָטשאָט און אוּוואַזשעניע..

— ני זאַ שטאָ! איך וועל זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך, אי
קאָניעץ! אַ טאָ שטאָ איהר האָט מורא די אַנדער ווייב ביי מיר
אַ ביסעל גנב'ענען, — לאָזט איהר קיין מורא ניט האָבען. יאַ
ניע טאַקאָווסקאָי — איך נישט אַזוינער, מען זאָל ביי מיר
קענען גנב'ענען... נאַקאָניעץ, עט קלעקען פאַר אַלעמען, ניע
בעזפּאָקאָיטיעס...

— שטאָ טי באַטיושקאַ! ווי דיר ניט סטידנע צו זאָגען
אַזעלכע זאַכען? מיר וואַרטען ניט, ניע דאַי באָג, אויף דיין
נאַסליעדסטוואָ... פון אונזערט וועגען מעגסטו לעבען חאָטיאַ--בי-
נאָך הונדערט יאָהר... נאָר צו וואָס דאַרפסטו אויף דער עלטער
פערדרעהען זיך אַ מעאַך?".

ק'מאָמו, איז דאָס אָבידנע פאַר דער מאַמען. אָבגעלעבט
מיט דער מאַמען זעקס-און-פערציג יאָהר — האָט דער אינגערער
אלץ דערמאָהנט דאָס זיינינגע.

— נו שטאָ-זש, אַז זעקס-און-פערציג יאָהר? — האָט זיך

גריגאָרי סאַוועליִטש אָבגערופֿען,—האָב איך איהר ווען אָביִדיעט? אָדער ט׳היִר עפּעס געפֿעהלט ביַי מיִר? וואָס נאַפּאַדאַיעט איהר אויף מיִר, וואָס?

— באָושע סאָחראַני! ווער נאַפּאַדאַיעט? ווער זאָגט דיִר, אַז דו מיִט דער מאַמאַשע שלעכט זיך אָבראַשצאַיעט? נאַאָבאָראָט, דו איהר קיינמאָל ניע טאָ שטאָ ניִט אַ קלאַפּ געגעבען, קאַק ביִ וואַיעט ביַי לייטען, נאָר דאַושע אַ חודאָיע סלאָוואָ ניִט געזאָגט, קיינמאָל ניִט געבייזערט זיך—האָט דער עלטערער זיך פֿערענטפֿערט.

— טאָ, טאָ!...

אָבער סאַוועליִ גריגאָריִטש, דער אינגערער, און דער היִציִגערער האָט נאָך אַלץ ניִט נאָגעגעבען:

— איז דאָס טאַקי נאָך מעהר אָביִדניע: אָבגעלעבט האַזאַ לעבען, אי וודרוג—ווסיאָ נאַ סמאַרקו! אַלץ אָבגעמעקט, וויִ גאָר אויף דער וועלט ניִט געוועזען.

דאָס האָט דעם אַלטען אַ ביִסעל אויפֿגערעגט. און אַ קעהר טהועגדיג זיך צו איהם, האָט ער זיך אַ בייזער געטהון:

— ע, דו, מאָלאָקאָסאָס! וואָס ס׳דו זיך פּריִוויִאַזעט? וואָס וויִלסטו האָבען?

דעם טאַטענ׳ס טאָן האָט וויִדער אויפֿגערעגט די זיהן; און דער אינגערער האָט שוין אַ ביִסעל העכער, וויִ מען דאַרף, געזאָגט:

— ניִטשעוואָ, די מאַמע, אָלעשאָלעם, האָט נאָך ביַי דיִר זאַסלוזשעט, דו זאָלסט זי פּאָטשיִטאַיען אַפֿיִלו נאָכ׳ן טויט: זי׳ט ביַי דיִר גענוג צרות איבערגעטראָגען, איידער זי׳ט געזעהן אַ גוטען טאָג ביַי דיִר...

—קאָניעטשנאָ,—האָט פּאַוועל גריִגאָריִטש אונטערגעחאַפּט, — קאָניעטשנאָ, חתונה געהאַט, ווען דו ביִזט נאָך געוועזען אויף

אויף וואָיענע סלוזשבע, אומגעשלעפּט זיך מיט דיר פון איין שטאָדט אין דער אַנדערער.

— אַפילו אין טורעצקי פּאָחאָד מיטגעגאַנגען...

— און ווען ניט די מאַטושקע, אָלעשאָלעס, וואָלסטו קיינמאָל ניט געבראַכט קיין געלד פון פּאָחאָד, און וואָלסט איצט ניט געווען גרינגאָרי סאַוועליטש מיראָגראָדסקי, דער קופּיעץ און פּערוואָגילדעץ.. דו'סט דאָס אַליין ניט איין מאָל געזאָגט.

— אי פּאָסליע וסעוואָ עטאָוואָ, רעדט ער אויף דער פרישער מאָגילע פון נאָך אַ מאָל חתונה האָבען — האָט סאַוועלי מיט פערדרוס געזאָגט:

צום אָנהויב האָט גרינגאָרי סאַוועליטש געוואָלט פערענטפערען זיך, נאָר אַז די בעשולדיגונגען האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען אויף איהם איינע נאָך די אַנדערע, איז ער גאָר צוטומעלט געוואָרען און אַנ'שטאָט צו פערענטפערען זיך, האָט ער אַ טופּע געטהון מיט'ן פוס און אַ געשריי געטהון:

— מאָלטשאַט, שצענקי! שטיל זאָל זיין איהר מאָלטשיסטקעס, מאַלאָקאָסאָסען! איהר'ט מיר אוקאַזעווען וואָס צו טהון?! ע, ט'איהר געזעהען, נייע אָפּעקונעס אויף מיר! אָט אַזוי וויל איך. וואָט אי וסיאָ! און מעהר זאָלט איהר מיר ניט סמייען רעדען דערפון, פּאָניאַלי?!

די זיהן האָבען אַ קוק געטהון אויפ'ן טאַטען, ווי ער שטעהט מיט אויפגעדריקטע קולאַקעס, דאָס פנים רויט ווי קופּער, די אָדערען אויפ'ן האַלז און שטערען אָנגעצויגען, די אויגען פערלאָפען מיט בלוט—אָט, אָט, ער גיט פּעטש, אָדער ער קריגט דעם שלאַג,—זענען זיי שטיל געוואָרען.

שפּעטער, אין פערלויף פון דער שבעה-וואָך, האָבען די

זיהן נאָך עטליכע מאָל געפּרובט פּערפיהרען א שמועס װעגען דער זעלבינגער זאַך, אָבער יעדעס מאָל האָט זיך דער געשפּרעך געענדיגט מיט א מחלוקת, און דער טאַטע איז געבליבען בײַ דאָס זײַניגע.

די זיהן האָבען קוים דערלעבט אָבפּטר'ן די שבעה־װאָך, און יעדערער איז אװעקגעפּאָהרען צו זיך אהײם.

גריגאָרי סאַװעליטש האָט דערװײַל ניט געשװיגען.

נאָך שבעה זיצענדיג האָבען זיך אַלע קרובים און בעקאַנ־טע, װאָס זענען איהם געקומען מנחם אָבל זײַן, דערװאוסט, אַז ער װיל חתונה האָבען נאָך א מאָל. און באַלד נאָך שבעה האָבען זיך א שאָט געטהון שדכנים און שדכנ'טעס, יעדערער מיט שידוכים, װאָס זענען „פּונקט װי אָנגעמאָסטען" פאַר גריגאָרי סאַװעליטש'ען.

אָבער גריגאָרי סאַװעליטש האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט צוקלײַבען קײן ריכטיגע פּאָרעל.

קײן אַלטע האָט ער ניט געװאָלט.

— קײן ראַזװאַליגע דאַרף איך ניט—האָט ער געזאָגט,— כ'נעהם ניט א װײַב, כ'זאָל בײַ איהר דאַרפען זײַן א סעסטראַ מילאָסערדיאַ, פּאָניאַלי?

גאָר קײן יונגע האָט ער אויך ניט געװאָלט.

— קאָזעס, פּינטעפּליושקעס — דאָס איז ניט פאַר מיר. איכ'ל אװעקגעהן פאָדעליאַם, און זי'ט מיר דאַ—שורי־מורי... ניעט, בלאַהאָדאַריו פּאָקאָרנאָ! א שענעם דאַנק אײַך...

געװען װיעדער, אַנדערע, װאָס האָבען זיך איהם יאָ געפּאַסט נאָך די יאָהרען נאָך, זענען זײ פאַר איהם געװען ניט גענוג שען.

— אַז אויף אַ ווײַב זאָל ניט זײַן פּריװאַטנע אַ קוק צוטהון, טאָ נאַ קאָי טשאָרט דאַרף איך זי?

אַזוי האָט זיך געצװיגען אַ װאָכען צװײַ, און גריגאָרי סאַ־װעליטש איז נאָך אַלץ געזעסען אַלײַן...

אײַנמאָל, אַנ׳אָבענד, איז צו איהם אַראָבגעקומען צירול־ניקיכע, די אַלמנה פֿון זײַן געװעזענעם חבר און בוזעם־פֿרײַנד מאַטװײַ צירולניק. נאָכדעם װי זי האָט זיך רעכט אָנגעאױקעט און אָנגעזיפֿצט אויף דער געשטאָרבענער, — האָט זי שטיל אָבער בעשלאָסען אַ פֿרעג געטהון:

— אמת טאַקי, גריגאָרי, אַז דו האָסט זיך געגרעשעט חתונה האָבען?

מיט צירולניקיכען איז גריגאָרי סאַװעליטש געװען בעפֿרײַנ־דעט ניט װעניגער װי מיט איהר פֿערשטאָרבענעם מאַן, און ער האָט מיט איהר גערעדט אָפֿען:

איכ׳ל פֿאַר דיר ניט סקריװאַיען, אַז איך בין ניע פּראָטש צו נעהמען אַ חאָזיאַקע אין שטוב... איז דאָס אַנ׳עולה? האָט ער זיך װי פֿערענטפֿערט פֿאַר איהר.

— ניט מײַן דיעלע צו מישען זיך. מאָיאַ חאַטאַ ס׳קראַיו... לאָז איך דיר זאָגען: „נײַן“, װײַס איך דו דאַרפֿסט האָבען אַ חאָזיאַקע אין שטוב. לאָז איך דיר זאָגען: „יאָ“, האָב איך מורא כ׳װעל אָבידיען די פּאָקאָיניצע אַלעשאָלעם. טהו־זשע װי דו פֿערשטעהסט אַלײַן.

און טראַכטענדיג אַ װײַלע, האָט זי װײַטער געזאָגט:

— נאָר אויב דו האָסט אָקאָנטשאַטעלנע געגרעשעט חתונה צו האָבען, האָב איך פֿאַר דיר אַ פּאָרחאָדיאַשצע זאַך.

— ע֞הע, גאָר אַ סוואַחע געוואָרען אויף דער עלטער! — האָט גריגאָרי סאַוועליטש אונטערגעלאַכט.

— ניט אַ סוואַחע, נאָר פּאָ פּריאַטעלסטוואָ, פּאָ קומאָוו־סטוואָ... ווייל איך דיר אַ גוטער פריינד. און איך פאַווטאָרע דיר נאָך אַמאָל: אויב דו ווילסט חתונה האָבען, גריגאָרי, זאָלסטו נעהמען וואָס איך גיב דיר — וועסטו קיין חרטה ניט האָבען. — אויב זשע דו וועסט וואַרטען דיין נאָז, — מיש איך זיך מעהר ניט, מאָיאַ חאַטאַ ס׳קראַיו... ניט מיין דאגה מעהר...

האָט איהר גריגאָרי סאַוועליטש אַ קלאַפּ געטהון איבער׳ן פּלייצע און געזאָגט:

— נו, נו, נאָר נישט אַזוי סטראָגע, אננאַ איליאישנאַ, לאָמיר נאָר הערען, וואָס דו האָסט אַזוינס, נו, וויקלאַדיוואַי, לעג אויפ׳ן טעלער, וועלען מיר זעהן...

— ווידיש־לי, גריגאָרי, ביי מיר וואַהנט אַ באַרישניע...

— אַ באַרישניע? — האָט גריגאָרי סאַוועליטש אַ הויב געטהון די הענד.

— דו בעזאָפּאָקאָיע זיך נאָר ניט! — דו לאָז נאָר רעדען, אַ באַרישניע, פּראַוודאַ, ניט קיין יונגע, אָבער...

— דאָס איז פאַר מיר דוקא קיין ניעדאָסטאַטעק ניט — האָט ער איהר ווידער איבערגעשלאָגען, — דאָס איז אַ קנאַפּער חעסאָרין פאַר מיר...

— אַך, טי האָספּאָדי, — לאָז דאָך קאָנטשען! אַ באַרישניע, זאָג איך, ניט קיין יונגע, זי זאָגט דרייסיג יאָהר אַלט, אָבער נאַ מאָי גלאַז איז זי שוין אַלט ניט װעניגער ווי דריי, פיער־און־דרייסיג...

— אַקוראַט וואָס איך טרעבעווע — האָט גריגאָרי סאַוועליטש אַרייַנגעוואָרפען.

— אָבער אַזאַ סלאַוונע, זאָג איך דיר, — אַנ'אַנגעלסקאַיאַ דושאַ! זי וואָהנט שוין בייַ מיר אַ האַלב יאָהר, האָב איך פון איהר קיין בייַזע מינע ניט געזעהען.

— אפשר עפּעס אַ ראָזשע?

— שטאָ טי! אַ באַרישניע, ווי אַ קוליטש! אַ ראָסלע כמעט דייַן וואוקס, אַ סאָלידניע באַרישניע—וואָ! און אַ פּריִיאַטנע ליצאָ, אַ קיילעכדיגע, ווי אַ ליוואָניע.

— אפשר אַ ניעאָקוראַטנע, אַנ'אונציכטיגע, אַ ניערעאַחע?

— ע, וואָס טאָלקועסטו! אַ ציכטיגע, אַ דאָמאָוויטע באַרישניע, אַ חאָזיאַיקע — פּערווי סאָרט.

טו זאָג-זשע מיר אָקאָרשט, מייַן גאָלובושקאַ, אַז זי איז אַזאַ קראַליע ווי דו זאָגסט, טאָ נאַקאַי כשאָרט דאַרף זי מיך, דעם כטאַריק. קוואַפּעט זיך אויף מייַן באָגאַטסטוואָ הע?

— טאָ, טאָ, וואָס ניט אויף דייַן באָגאַטסטוואָ!

— אויף וואָס דען-זשע?

— אויף דייַן פּראַוואָזשיטעלסטוואָ — וואָט אויף וואָס! די גאַנצע ניעסשצאַסטיע איהרע איז, וואָס זי האָט ניט קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ. מוטשעט זיך, נעבעך, — פּריאַמאָ דושאַ באָליט אויף איהר קוקענדיג. אַ קלונג בייַ'ם טויער—ציטערט זי, ווי אַ פיש אין וואַסער. ניט איין מאָל געזאָגט, זי'ט זיך אויפהענגען — אַזוי איהר דער זאַיאַטשער לעבען דערעסען... קאָניעטשנאָ, ווען זי'ט זיך צו מיר אַרייַנגעקליבען, איך ניט געוואוסט זי אַ טרפה. און איצט איז מיר זשאַל וויסטאַוועןזי, חאָטיאַ איך ריסקויע צו בעצאָהלען פינף הונדערט רובעל שטראָף...

— טו זאָג־זשע מיר, פּאָזשאַלויסטאַ, וואָס איז דאָס פאַר אַ כאָרט באַרישניע, וואָבשצע? ווער איז זי? ווי קומט זי אַהער און וואָס טהוט זי דאָ?

— ניט קיין בראָדיאַזשקע, באָזשע סאָחראַני . . . טאַקי אַ היגע. דער טאַטע איהרע דאָ צוויי־און־צוואַנציג יאָהר אָבגעוואָהנט. אַ טיפּאָגראַפשציק געווען, געשטאָרבען—די טאָכטער פערלאָרען פּראַוואָזשיטעלסטוואָ... די מאַמע נאָך פריהער געשטאָרבען... נו, געבליבען עלענד ווי אַ שטיין, אָהן פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, אָהן סרעדסטוועס... פּראַקאַרמליוועט זיך פון נייהען — אַ בעלאָשווייקע איז זי... און קיין יונגינקע אויך ניט... נו, זי סאָגלאַסנע ווי מען זאָגט: „זאַ וואָלאַ ליש בי זאַמוזש ווישלאַ“... לאָז זיין חאָטש פאַר אַ פּאָקאָיניק, פאַר אַ באַרמענער, אַבי זי לאָז קענען לעבען ספּאָקאָינע, פערשטעהסט, אָט פאַר וואָס זי איז סאָגלאַסנע מיט דיר חתונה האָבען! און דאָ זאָגסט: „מיין באָגאַטסטוואָ:

גריגאָרי סאַוועליטש האָט אויסגעהערט און געזאָגט:

— לאַדנאָ, מיר'ן זעהן.

— נישט לאַדנאָ, נאָר קום היינט אין אָוועגד צו מיר, זעה און מאַך אַ קאָניעץ—האָט איהם ציִרולניקיכע אָנגעזאָגט.

דעם זעלבען אָוועגד איז גריגאָרי סאַוועליטש געווען ביי ציִרולניקיכען, דורכגעשמועסט זיך מיט איהר „באַרישניע“ און אין דריי טעג אַרום האָט מען געשטעלט אַ חופּה...

די זיהן האָבען זיך פון שבעה אָן געהאַלטען פון ווייטען פון טאַטען, און אַז זיי האָבען דערהערט, אַז ער האָט חתונה געהאַט און נאָך אין שלשים דערצו, — האָבען זיי די קינדער זייערע אויך פערבאָטען צו געהן צום זיידען.

נאָר איין מאָל, אַ טאָג אַלט נאָך גריגאָרי סאַוועליטש'עס חתונה, האָט זיין דיענסט אין מיטען נאַכט אָנגעקלאַפּט פריהער ביי פּאַוועל גריגאָריטש'ן, דערנאָך ביי סאַוועלי גריגאָריטש'ן אין טהיר, און האָט אַ צעשראָקענע אָנגעזאָגט:

— געהט גיכער, דער באַרין שטאַרבט!

ווען זיי זענען געקומען אַהין, האָבען זיי איהם שוין געפונען אַ טויטען.

די יונגע ווייבעל איז געשטאַנען איבער איהם און ביטער געוויינט:

— ער האָט דאָך נאָך אַפילו קיין צייט ניט געהאַט אין זיין פּאַספּאָרט מיך איינשרייבען... או־הו־הו!...

אַ פֶערְבֶּרעכֶער

אין וואַגאָן זענען מיר געווען זאַלבעפֿינפֿט, פֿינף וואָ־יאַזשאָרען פֿון איין בראַנזשע.

צוויי פֿון אונז זענען געלעגען אויף די אונטערשטע בענק מיט די פּנימער אַרויף, און געפֿיהרט אַ לייכטען שמועס מיט די צוויי, וואָס זענען געלעגען אויף די אויבערשטע בענק, מיט די פּנים׳ער אַראָב.

אויף דעם איינצעל־בענקעל, ביים פענסטער, איז געזעסען אַ פּאַרשוין, וואָס זיין רויטער, אונטערגעגאָלטער קאַרק און די נאָז פֿון רענגענבויגען־קאָליער האָבען עדות געזאָגט, אַז ער ווייס דעם טעם פֿון אַנדערע משקאות, אַחוץ קאַלטע וואַסער.

אָנגעטהון איז ער געווען אין אַ ווייסען „צע־סיטשאַ״ענעם רעקעל און וועסט, איבער וועלכער ס׳האָט זיך געצויגען אַ דיקע, גאָלדענע קייט, און אין אַ „קאַרטוז״, וועלכען עס טראָגען געוועהנליך די רוסישע סוחרים. אויף די קורצע, פליישיגע פינגער האָבען געבלישצעט עטליכע ריגגען מיט בריליאַנטען.

קוקענדיג אויף איהם, האט זיך יעדערער פון אונז געוואונ־
שען עפעס אנדערש, איינער האט געוואלט האבען זיין געזונד,
דער צווייטער — דעם איינעגס, וואס זיינע רינגען זאָלען ווערט,
א דריטער — א האלב פון דאס געלד, וואס אזא „ערל“
פערמעגט...

דער פארשוין האט געקוקט אויף אונז און געשמייכעלט.

— זעהט אקארשט, צי דער ערל איז נישט מבין בלשון
עברי! — רופט זיך אב דער יוד, וואס וואלט א בעלן געווען צו
האבען דעם „ערל’ס“ געזונד.

— וואס איך קען איינפאלען! — בערוהיגט איהם דער מבין
אויף טהייערע רינגען — דאס דארף זיין איין ערל ערגעץ פון
טיעף ראססייע, וואס האט אפשר אויף זיין גאנץ לעבען א יודען
אין די אויגען נישט אנגעזעהן.

— מען קען נישט וויסען. עפעס הערט ער זיך צו שטארק
צו צו אונזערע מעשיות.

— טאקי דערפאר, ווייל ער הערט דעם ערשטען מאל
א שפראך, וואס ער פערשטעהט נישט.

— כ’וועל זיך מיט איך וועטען, אז ער ווייס נישט, צי
מיר זענען פראנצויזען צי טערקען—האט דער שאצער פון פרעמדע
קאפיטאלען פארגעשלאגען א געשעפט.

— דאס, זעהסט דו בין איך דוקא א בעלן — האט זיך
אנגעכאפט דער ליבהאבער פון בריליאנטענע רינגען, — וואס
מיינט איהר, ער האט קיין מאל קיין וואיאזשארען נישט
געזעהען?..

נאָר, אַ פּנים, ס'איז נישט בּעשערט געווען יודען זאָלען מאַכען געשעפט.

גראָד אין דער מינוט, ווען די צוויי וועטער האָבּען אויסגעצויגען די הענד, איינער פון אויבען אַראָבּ, און דער צווייטער — פון אונטען אַרויף, — האָט דער פּאַרשוין זיך אַריינגעמישט.

— ק'טשמו ספּאָרען — האָט ער אָנגעהויבּען אין אַ מין געבּראָכענעם יודיש,—איך בּין אַ יוד, ניע חוזשע וואַשעוואָ, און איהר דאַרפט נים געהן אויף פּאַרי.. אַט ראַזסקאַזוּעוועט בּעסער וויַטער יעווריַיסקע אַנעקדאָטען, ווי פריהער.—

די ערשטע מינוט האָבּען אַלע בּרייט אויפגעריסען די אויגען, בּאַלד זענען מיר אַלע רויט געוואָרען פון שאַנדע, וואָס מיר האָבּען זיך דאָ אַזוי אָפען צוגאַרטעלט וועגען איהם, דערנאָך האָבּען מיר, דערזעהענדיג זיין גוט מוטהיגען שמייכעל, אויסגעשאָסען אַ בּרייטען געלעכטער, בּאַלד נאָכדעם אָבּגעשטעקט שלום-עליכם'ס, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען מיר שוין געזעסען אַלע אין איינעם און דערצעהלט זיך פערשידענע מעשה'לעך, פרעהליכע און אומעדיגע.

ווען איינער פון אונז פלעגט אָנהויבּען רעדען רוסיש, פלעגט דער נייער בּעקאַנטער נישט לאָזען.

— רעדט פאָ יעווריַיסקי, יאַ וואַס פּראָשו.. כ'האָבּ ליעבּ יודישען יאַזיק, פּראַוואָ סלאָוואָ!..

און ווען ס'איז געקומען זיין „אָטשערעד" צו דערצעהלען אַ מעשה, האָט ער זי אויך איבּערגעגעבּען אין יודיש, אין זיין יודיש.

— איהר ראַזסקאַזעוועט ראַזנע פּריקליוטשעניעס וואָס מיט איך האָט פּאַסירט איבער פּראַוואָזשיטעלסטוואָ—האָט ער אָנגע־הויבען,—אַט וועל איך איך דערציילען אַ סלוטשאַי, וואָס האָט בײַ אונז געטראָפען מיט אַ חזן איבער דער סאַמי דאָזינגער פּראַוואָזשיטעלסטוואָ—איך זאָג איך אַ וואָזמוטיטעלני סלוטשאַי!

און אָבוױשענדיג דעם שטערען מיט אַ גרויסער קאָלירטער טיכעל, האָט ער לאַנגזאַם און אַ ביסעל פֿערטראַכט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען אַלע איינצעלהייטען, אָנגעהויבען:

— דאַ־אַס, די פּראָקליאַטע פּראַוואָזשיטעלסטוואָ — דאָס איז אַנ׳אֶמת׳ע נאַקאַזאַניע ניע טאָלקאָ פֿאַר איך, וואָס האָבען ניט קיין פּראַוואָזשיטעלסוואָ, נאָר דאַזשע פֿאַר אונז, יודען מיט פּראַוועס. עס אָסקאָרבליאַעט אונזערע סאַמע סוויאַשצענע געפֿיהלען, עס מעשאַיעט אונז צו היטען אונזער רעליגיע און אונזערע אָבריאַדען, אָדנים סלאָוואָם, עס מעשאַיעט אונז צו לעבען! אָט הערט.

געוועזען איז דאָס אין נײַנטען יאָהר, ווען ס׳האָבען זיך אָנגעהויבען פֿרישע אָגראַניטשעניעס פֿאַר יודען. אָסאָבענאָ האָט מען אָנגעהויבען צו פּריטיעסניען אין סיביר און בײַ אונז אויף אַמור. מענשען זענען אָבגעזעסען צעהנדלינגער יאָהרען און קיינער האָט זײַ ניט בעזפּאָקאָיעט, און מיט אַ מאָל—וואָט טיעבע אי נאַ! מ׳האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז זײַ האָבען קיין פּראַוואָזשי־טעלסטוואָ ניט.

אי וואָט, קומט צו מיר איינמאָל צוגעהן, אַ טאָג דרײַ פֿאַר יעמקעפּער אַזאַ פּאָטשטענער יוד, מיט אָט־אַזאַ באָרד, אָדנים סלאָוואָם, אוונושיטעלנער יוד און דערצעהלט מיר אַזאַ היסטאָריע: אַכטצעהן יאָהר איז ער געזעסען אין קאַצאַפּסק, געווען דאָרטען שעחט און חזן, ק׳טאָמו ט׳ער געהאַלטען אַ כשר׳ע קוכמיסטערסקע.

ס׳קומט אַ יודישער וואָיאַזשאָר, לאָז ער האָבּען וואו אַ כּשר׳ן אָבּעד אָבּצועסען. נאָר הלאַוונאָיע האָט ער דאָס געטהון ניט פֿון מצוה וועגען און ניט פֿון פּרנסה וועגען, ווי צוליעבּ פּראַוועס: שחיטה, ווידיטיע לי, סשציטאַיעט זיך ניט פֿאַר אַ „רעמעסלאָ", חזנ׳עס אַוראַי ניט, און עס גיעט דעריבּער קיין פּראַוואָזשיטעלסטוואָ ניט. אַ פּאָוואַר אָבּער איז אַ רעמעסלאָ, האָט ער געמוזט האַלטען אַ קולבּיסטערסקע צוליעבּ פּראַוועס, פּאָניאַלי?...

נו, איהם, פּאַניאַטנאָ, איז אַלץ איינס, לאָז זיין אַ פּאָוואַר, אַ לאַקיי, חאָטש בּי, אַ טרובּאָטשיסט, אַבּי לאָזט איהם זיצען ספּאָקאָינע . . . אי וואָט, איז ער אַזוי אָבּגעזעסען אין קאַצאַפּסק אַכטצעהן יאָהר און—ניטשעוואָ: קיינער האָט איהם ניט בּעזפּאָקאָיעט. ווידרוג, אָבּיאַוועט מען איהם, ער זאָל אין דריי טעג אַרויספֿאָהרען פֿון קריי.

אַקולמיסטער, ווידיטיע לי, איז שוין אויך ניט קיין רעמעסלאָ. די זשידאָווסקע פֿיש מיט דעם זשידאָווסקען קוגעל, זאָגען זיי, קען יעדער בּאַבּע אָבּקאָכען.

אַכטצעהן יאָהר דאָס געווען אַ רעמעסלאָ, און מיט אַמאָל זיך אַרומגעזעהן, אַז דאָס איז ניט קיין רעמעסלאָ.

ער׳ט, קאָניעטשנאָ, גענומען בּעטען, חלאָפּאָטשען, די אָבּשצינע זיינע האָט זיך פֿאַר איהם געסטאַרעט—קיין זאַך ניט געהאָלפֿען! אַרויספֿאָהרען אין דריי טעג אי ניקאַקיך!

פּאָלאָזשים, ער איז פֿערבּליעבּען מעהר ווי דריי טעג, ער דאַזשע ראָשעשאָנע דאָרטען פֿאַר׳ן אָמעט געדאַווענט, אָבּער וו׳קאָנצע קאָנצאָוו ט׳ער געמוזט אַוועקפֿאָהרען. די פּאָליציע, פּאָנימאַיעטיע לי, האָט בּיי איהם צוגענומען די דאָקומענטען און

אַרויסגעגעבען — אַ פּראָחאָרנאָיע מיט אַ נאַדפּיס, אַז אויב ער וועט וױדוואַרצאַט טשעטירע טשאַסאַ ניט פֿערלאָזען דעם קריַ, וועט מען איהם אַרעסטירען און אָבשיקען עטאַפּנים פּאָריאַדקאָם, פּאָמימאָ טאָווא, וואָס מען וועט איהם סודיען פֿאַר נעזאַקאָנע פּראָזשיוואַניע ... בעקיצער, ער איז געבליבען אָהן ברויט, און קאַצאַפּסק אָהן אַ שעחעט־חזן, אי וואָט, זנאַטשיט, איז ער געקומען צו אונז אין פֿאָנייסק און וועט דאָ האַלטען יעמקעפּער. וויל ער, וואָ פּערוויך, וויסען צו קען ער קריגען וואָז איבערצונעמען די פּאָר נעכט, אַ וואָ ווטאָריך, צו וואָלט ניט געווען וואָזמאָזשנע, ער זאָל ביַ אונז דאַוונען יעמקעפּער פֿאַר'ן אָמעט.

„ווען איך קען ביַ אַייך — זאָגט ער, פּערדינען אַ הונדערטער, וואָלט עס מיר איצט שטאַרק צוניטץ געקומען. זיי האָבען מיך, זאָגט ער, אין גאַנצען ראַזאָריאָעט מיט דער וויסילקע". און טשטאָ קאַסאַיעטסיאַ זיין דאַוונען וועלען מיר הנאה האָבען. ער קען, זאָגט ער, רוטשאַיען, אַז מיר'ן נאָך אַזאַ דאַוונען ניט געהערט.

„לאַדנאָ — זאָג איך, — לאָזט מיר נאָר אַ ווייַלע אָבדומעווען".

וואָרום די דיעלאָ, דאַרפֿט איהר וויסען, איז וואָט אַזעלכע: איין אָבשצינאָ האָבען מיר אין פֿאָנייסק אַ היבשע, אָקאָלאָ פֿינף הונדערט דושעס. און אַ חזן — אַ פּוסטיאַקאָווען!... פּאָמימאַ טאָווא, וואָס ער האָט קיין האָלאָס ניט, איז ער וואָאָבשצע ניט קיין פּאָריאַדאַטשנער מענש... אַ פּיאַניצע, אַ באַבניק און אַ סקאַנדאַליסט, פּאָניאַלי?... טאַקי פֿון אונזערע, אַמאָליגען אַ סילנעמס איין אייניקעל... פּראָמאָטעוועט זיין סאָסטאָיאַניע, אַוועקגעפֿאָהרען

קיין ראַססייע, און געקומען צוריק א שעחעט און א חזן... נו, קאָניעטשנאָ, מיר טיערפּען איהם, פּאָטאָמו — מיר קענען זיך ניט העלפֿען: פריהער גאר געווען אהן א שעחעט און אהן א חזן. צו א וואָלנעם פרידיראיעט זיך די פּאָליציע און מיר דאַרפֿען נעהמען אלע ווילע אַנ'אנדערען, ק'טאָמו, — א סוואי טשעלאָוועק: דער ווידע ווינער דאָ געזעסען. דער טאַטע... אוואזשעניע צו זיין ראָדסטווא, צו דער מעספּאָחע ווינער...

און אַז איך דערהער דער פּראַיעזשער קען גוט דאַוונען, האָט דאָס מיך ס'ראַזו א נעהם געטהון, אָט־אָ־דאָ, קלעהר איך, וועלען מיר האָבען א סלוטשאַי צו הערען א נאַסטאָיאַשצען חזן, א פּאָטשטענעם מענשען און וו'דאָבאַוואָק א עהרליכען יוד.

אָדנאַקאָ, רעשאַיע איך זיך ניט צוסעגלאַסען זיך. טאָמער איז די אָבשצינע ניט סאָגלאַסנע, צי דער חזן אונזערער וועט מאַכען סקאַנדאַלען.

זאָג איך צו דעם יודען: „איהר, מילי טשעלאָוועק, קומט אריין צו מיר פֿאַרנאַכט וועל איך אייך געבען אַנ'אָטוועט.

און דערוויל איך אויפגערופען די טשלענעם פֿון דער דוכאָוונער פּראַווליעניע מיט א פּאָר פּריחאָזשאַנעם, באַלעבאַטען, זנאַטשיט, און זאָג זיי: טאַק אי טאַק, אַזאַ וואָס פּאָלאָזשעניע. זאָגען זיי: „וואָס דאָ צו קוקען? לאָז ער דאַוונען!" זאָג איך: „און קאַראָבקע, דער חזן אונזערער?" זאָגען זיי: „נאַפּליעוואַט!" מיר'ן דאָך איהם ווסיאָ ראַוונאָ בעצאָהלען, דעם בעצאָהלען, יענעם בעצאָהלען, ביידען בעצאָהלען, טאָ קאַקאָיע יעמו דיעלאָ?... ווען וועלען מיר האָבען נאָך אַזאַ סלוטשאַי?"...

„אָדנאַקאָ, זאָג איך, לאָמיר איהם שיקען רופֿען".

שיִקעֶן מיִר נאָך איִהם און איִזאָלאָזשעֶן איִהם די דיעֶלאָ קאַק אָנאָ יעֶכט, אַט ווי איִך דעֶרצעֶהל אײַך, און זאָגעֶן איִהם:

— דײַן זשאַלאָוואַניעֶ קריִעגסט דו דאָ קאָפּײַקי...

— לאַדנאָ, זאָגט עֶר, לאָזט עֶר האָטש דאַוונעֶן אַ גאַנץ יאָהר, אַבי מיִר בעֶצאָהלט. ל'איך, זאָגט עֶר, ניִט רײַסעֶן דעֶם גאָרגעֶל פֿאַר אַזעֶלכעֶ מיִטראָפֿאַן־מיִטראָפֿאַניִטשעֶם, ווי איִהר זעֶנט.

אָבראַשצאַיעֶן מיִר ניִט קײַן וונימאַניעֶ אויף זײַן נאַחאַלסטוואָ און לאָזעֶן איִהם געַהן. אַבי דעֶר פּראָיעֶזשעֶר וועֶט דאַוונעֶן אָהן סקאַנדאַלעֶן.

און טאַקי געֶדאַוועֶנט. נו, וואָס זאָל איִך אײַך זאָגעֶן, בראַטצי? ! כ'ווײס ניִט ווי איִהר,—מיִר'ן אַזאַ חזן ניִט געֶהעֶרט! עֶפּעֶס אַזאַ זאַדושעֶוונעֶר האָלאָס, עֶפּעֶס אַזעֶלכעֶ סליִעֶזליִוועֶ וועֶרטעֶר, אַזעֶלכעֶ טרעֶהרעֶן, — נו, פּראָסטאָ, עֶר'ט בײַ אונז די דושעֶם וויִמאַטעֶוועֶט!... און דאָס ניִט אַנ'אָנשטעֶל ווי בײַ אונזעֶר קאַראַסיִק, דאָס ניִט געֶמאַטעֶרט זיִך, מעֶ'זעֶהט, אַז דאָס פּריאַמאָ פֿון האַרצעֶן, פּאָניאַלי?

איִ פּראַוודו סקאַזאַט — מ'האָט זיִך דעֶם יעֶמקעֶפּעֶר געֶ־מאָליעֶט... אָביִקנאָווענאַ איִז די מאַלאַדיאָזש—קטאָ קודאַ: דעֶר געֶהט אַוועֶק שלאָפֿעֶן, דעֶר גוליאַיעֶן מיִט באַרישניעֶם און ניעֶקאָטאָריעֶ— וואָס דאָ צו סקראַוואַיעֶן,—דאַזשעֶ עֶסעֶן... ביִוואַלאָ, דאַזשעֶ עֶלטעֶרעֶ מעֶנשעֶן זיִך צולויפֿעֶן און איִבעֶרלאָזעֶן דעֶם חזן מיִט עֶטליכעֶ סטאַריִקעֶם. בײַ אונז, וויִדיִטעֶ־לי, זעֶנעֶן מיִר ריִבאָ־פּראָמיִשליעֶניִקס; נו, ביִוואַיעֶט, אַז גראָד יעֶמקעֶפּעֶר הויבט זיִך אָן דעֶר חאָד פֿון די ריִבעֶ... איִז פּאָקודאַ דו ווײסט ניִט —

ווייסט דו ניט, אָבער לאָז איינער אַריינלויפֿען אין סינאַגאָגע און אַ זאָג טהאָן: „ריבאַ אידאָט!" די פֿיש, זנאַטשיט, האָט זיך בעוויזען, — וועט אייך די אָרנאַ דושאַ ניט בלייבען אין סינאַגאָגע!... פּאָטאָמו — עס איז אַ סעזאָנע זאַך. וואָס דו אויספֿעיעסט אויפֿטהון אין סעזאָן, איז דיינע, לעב דערפֿון אַ גאַנץ יאָהר. ק'טאָמו, איז דער ערשטער אולאָוו די הלאַוונע זאַך, — נו לויפֿט מען צו די ניעוואָדין, זעהן ווי דער אולאָוו געהט..

דאָ אָבער איז מען אַלע געשטאַנען ווי פּריקאָוועטע. ניעטאָ טשטאָ קאַמבאַלאַ וואָלט זיך בעוויזען, נאָר דאַזשע עס וואָלט אָנהויבען געהן סיאָמגעס מיט לאָסאָסינעס צו דריי פּוד אַ שטיק, גלייך אין די נעצען אַריין, וואָלט זיך קיינער פֿון אָרט ניט געריהרט, פּאָטאָמו — ער'ט אַלעמען זאַקאָלדאָוועט, פֿערכעשעפֿט, זנאַטשיט, מיט זיין זאַדושעוונעם האָלאָס, מיט זיינע טשודנע מאָליטוועס... דאַ-אַ-ס...

אי וואָט, זנאַטשיט, שטעהען מיר אַלע אַזוי און הערען ווי ער זאַליוואַיעט זיך, און דרעהט די ווערטער אי טודאַ, אי סיודאַ, און פּאָווטאָרעט זיי, און רעדט זיי אַרויס עפּעס אַזוי מאָדנע, אַז עס איז אונז דאַזשע שווער צו פֿערשטעהן...

און דער פּאָמאָשצניק גאַבע סטורכעט מיר אַלע ווײַלע אין זייט און זאָגט: „ניע טאָ טשטאָ אונזער קאַראַסיק, האַ? — „נידאַ — זאָג איך, — דאָס איז אַ יוד פֿון אַ אַנדער פּאָראָדע"...

דער דערצעהלער האָט טיעף אָבגעאַטהעמט, וויעדער אַמאָל אויסגעווישט דעם שוויים פֿון שטערען, און אַ פֿיהר געגעבען מיט די אויגען איבער אונז אַלעמען, — האָט ער ווײַטער דערצעהלט:

— ער׳ט אָבגעדראַווענט מוסעף, אַוועקגעלעגט א ניִלע, אַ׳ מיר׳ן געמיינט מיר׳ן ביי איהם אונטער די הענד אויסגעהן... זאַטיעם האָט מען געדאַווענט מעריב, און דער עולם האָט גענומען סאָביראַיען זיך אהיים. פּאָניאַטנאָ, יעדערער וויל דעם חזן צו זיך, אָבער—דודקי! איך אוסטופּאַיע איהם קיינעם ניט. צו מיר איז ער געקומען צום ערשטען, וועט ער ביי מיר זיין ביז ער׳ט אַוועקפּאָהרען. נו, זיי׳ען געזעהן ס׳איז ספּראַוועדליווע, האָבען זיי זיך צופּיעל ניט אופּיראַיעט...

געהען מיר אַזוי ביידע אַרויס פון שול, ערשט עס שטעהט ביים טהיר אונזער פּריסטאַוו אַפּאַנאַסי גריגאָריטש, און הינטער איהם — אַנ׳אָקאָלאָדאָטשנער מיט צוויי גאָראָדאָוויע. ווי ער׳ט מיך דערזעהן, געהט ער מיר אַנטקעגען, קאַק בודטאָ ער׳ט אויף מיר געוואַרט, און זאָגט:

— איזוויניטיע, באַרים יעפּימיטש, וואָס איך דאַרף אייך פּריטשיניאַען ניעפּריאַטנאָסט, אָבער וואָס לאָז איך טהון? — דאָלג סלוזשבי!...

— וו׳טשאָם דיעלאָ, זאָג איך, אַפּאַנאַסי גריגאָריטש? וואָס פאַר ניעפּריאַטנאָסט? און וואָס עפּעס אַקוראַט איצט?

— כ׳האָב דאָס שוין, זאָגט ער געדאַרפט פריהער טאָן, אָבער כ׳האָב ניט געוואָלט נאַרושאַיען אייער הייליגע באָגאָ-סלוזשעניע.

ווער איך שוין בעזפּאָקאָינע. חאָטיאַ איך ווייס ניט זאַ סאָ-באָיו קיין פּרעסטופּלעניעס, נאָר טשאָרט יעוואָ זנאַיעט! מע קען עפּעס וויסען היינטיגע צייטען?

— דאַ וו׳טשאָם דיעלאָ? — פרעג איך.

— ווירטיע לי—זאָגט ער,—דער קאַנטאָר וואָס האָט בײַ איך הײַנט געפֿירט די באַגאָסלאָווענע, איז אַן׳אַרויסגעשיקטער פֿון קאַצאַפּסק, און ניע טאָלקאָ, זאָגט ער, פֿון קאַצאַפּסק, נאָר ער טאָר זיך אין גאַנץ פּריאַמורסקי קרײַ ניט געפֿינען . . . כ׳האָב אַ פּרעדפּיסאַניע, אַז אויב איכ׳ל איהם װסטרעטשאַיען אין קרײַ, נאָך דעם סראָק, וואָס ס׳איז אָנגעוויזען אין זײַן פּראָחאָדנאָיע סווי־דעטעלסטוואָ, זאָל איך איהם אָבשיקען צוריק קײַן קאַצאַפּסק, נאַ פּרעדמעט ווּיסילקי עטאַפּנים פּאָריאַדקאָם..

הויב איך דאָך איהם אָן צו אווועשצאַיען : קאַק טאַק ? ווי קען ער דאָס טהאָן ? אַ מענש אַ נעשצאַסטנער, אַ ריאַזאָריאָעטער, ק׳טאָמו האָט ער געפּאַסט, קוים וואָס ער שטעהט אויף די פֿיס— ער וויל ניט הערען .

וואָלט, זאָגט ער, ניט געווען קײַן דאָנאָס אויף איהם — קאַראַסיקס דעם פּראָחוואָסט׳ס אַרבײַט—טאָגדאַ, וואָלט ער איהם צוליעב מיר אָבגעלאָזען — מיר זענען דרוזיאַ־פּריאַטיעלי — אָבער ראַז איז געווען אַ דאָנאָס, קען ער איהם ניט אָבלאָזען, דאָושע ער זאָל וועלען .

— בעט בעסער ניט—זאָגט ער צו מיר,—פּאָטאָמו—ס׳איז בעזפּאָליעזנע ! ס׳איז, זאָגט ער, אַ וואָפּראָס פֿון מיר און איהם : אָדער ער זאָל געהן מיט׳ן עטאַפּ, אָדער איך זאָל פֿערלירען מײַן שטעלע . . .

האָט איהר מיט איהם וואָס צו רעדען ?

קאָניעטשנאָ, מיר׳ן אַ יודען, ק׳טאָמו נאָך אַ דוחאָווניע ליצאָ, ניט לאָזען אַזוי גיך געהן מיט׳ן עטאַפּ, האָבען מיר אַוועקגעלעגט דעם אָבפּאַסטען זיך אָן אַ זײַט, און גענומען אַר־בײַטען אין דער דיעלע. מיר׳ן זיך „דורכגערעט" מיט איספּראַווניק,

דער פריסטאַוו האָט אויך גענומען ניט ווייניגער, ווי דער חזן האָט ביי אונז גענומען פאַר'ן דאַווענען און מיר'ן געפעלט. מע זאָל איהם חאָטש לאָזען אַליין אַוועקפאָהרען. און טאַקי ניע-מעדליענאָ! אפילו אָבפאַסטען זיך, האָט ער, דער בעדניאַגאַ געמוזט ערשט אין וואַגאָן...

וואָט האָט איהר אייך פראַוואָזשיטעלסטוואָ!...

פאַר פרעמדע זינר

I.

אָשר קײלין האָט שוין גע׳האַט פֿערפּאַקט דעם טשעמאָדאַן; אויפֿגעבונדען די קישענס מיט דער קאָלדרע אין אַ שטײַפֿען פּעקעל, און שוין געוואָלט שיקען נאָך אַ דראָזשקע צו פֿאָהרען אויפֿ׳ן וואָקזאַל. מיט אַמאָל האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז ער האָט פֿערגעסען פֿאַר די קינדער שפּיעל־צײַג צו קויפֿען, און ער האָט מיט פֿערדרוס אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד אויף די היפֿטען.

— אַך, צום שווארץ יאָהר, וואָס פֿאַר אַ ראָסאַדע, גאָר פֿון זינען אַרויס!

און קומען אויף פּסח אַהײם אָהן מתּנות פֿאַר די קינדער, איז אונמעגליך.

פּסח — דאָס איז דער אײנציגער יום־טוב, וואָס ער פֿאָהרט אַהײם און פֿערברענגט צוזאַמען מיט דער פֿאַמיליע צוויי וואָכען — די אײנציגע צוויי וואָכען אין יאָהר, ווען די קינדער זעהען איהם אָן אין די אויגען.

אַ גאַנץ יאָהר איז ער דאָ, און זײ — דאָרטען, אין דער ליטווישער קלײנער שטעדטעל.

ווען ער קומט אהיים, בעגעגענען איהם די קינדער שע־מעוודיגע, פערוויטעלטע, מיט די פינגערלעך אין די מיילכלעך און מיט אראבגעלאזטע אויגלעך... צוקושט זיך מיט'ן טאטען, רוקען זיי זיך אב אן א זייט, קוקענדיג אויף איהם פון אונטער'ן שטערען, אביסעל דערשראקענע פאר דעם „פרעמדען" טאטע'ן. דאס קליינינטשקע פערגעהט זיך גאר, ווען דער אונבעקאנטער „דיאדיא" מיט דאס רויט בערדעל, וואס שטעלט זיך אזוי, וויל זי א קוש טהון. צו איהם אויף די הענד געהן, וויל זי בשום אופן נישט.

און ערשט דאמאלס, ווען ער נעהמט ארויס פון טשעמא־דאן די „מתנות און די שפיעלצייג, ווערען זיי לעבעדיגער און רינגלען איהם ארום פון אלע זייטען, פרעהענדיג זיך מעהר מיט די צאצקעס, ווי מיט דעם טאטען. אבער גאר פריי פיהלען זיי זיך מיט איהם די גאנצע צייט נישט. געוועהנליך, לעבעדיגע און שפיפערישע, ווי אלע קינדער, האלטען זיי זיך אין זיין געגענווארט שטיל און „שטאטעטשנע", ווי זיי וואלטען אביסעל מורא געהאט און א ביסעל געשעמט זיך פאר דעם „פאפא פון מאסקווא".

קיילינ'ען טהוט וועה דאס הארץ, זעהענדיג, ווי די קינדער וואקסען אוים פערפרעמדט פון איהם. ער ווייס גאנץ גוט, אז אויב ער איז איצט פאר זיי ניט מעהר ווי דער „פאפא פון מאסקווא", וואס ברענגט פערדעלעך מיט ליאלקעס, וועט ער שפעטער, ווען זיי וועלען אונטערוואקסען, און האבען זייער איי־גענע אינטערעסען, געוויס זיין פאר זיי נישט מעהר ווי „דער פאפא פון מאסקווא", וואס גיט אויף ביכער, אויף קליידער און אויף אלץ, וואס מען דארף. ווייטער וועט ער פאר זיי, אפשר, זיין פרעמדער, ווי דער ערשטער גוטער בעקאנטער, וואס וואהנט

מיט זיי צוזאַמען אין איין שטאָדט. און אויף לעבען ווען ס'איז צוזאַמען מיט דער פאַמיליע, איז אַפילו קיין האָפנונג נישטאָ. קיין פערוואָגילדעיעץ מיט פראַוואָזשיטעלסטוואָ, וואָס זאָל קענען אָפען וואָהנען מיט דער פאַמיליע אין מאָסקווע, וועט ער פון זיינע געשעפטען נישט ווערען, און אַז ער זאָל בלייבען זיצען דאָרטען, אין דאָס ליטווישע שטעדטעל, איז אַודאי נישטאָ וואָס צו קלערען. דאָרטען, אין דער „טשערטאַ", גריזשעט מען זיך נאָר איינעם דעם צווייטען, אָבער זאַט זיין דערפון קען מען נישט.

דאָ, ווי די מעשה איז, מען מוטשעט זיך, מען לעבט אַ לעבען פון אַ פערפאָלגטער חיה, אָבער לכל־הפחות קומט האָטש אָן דער רובל פערדינען נישט אַזוי שווער, ווי אין די יודישע שטעדטלעך. ער קען יודישע קונדען פון „יוג", גרוזינער און אַרמענער פון קאַווקאַז, רוסישע קונדען פון סיביר, פאַקט ער, סעזאָן־צייט, אַ קונד אין גאַס, דערצעהלט ער איהם פון אַ ראַם־שעל, פון אַ מציאה, פיהרט איהם אַריין אין אַ געשעפט און חאַפט זיין פראָוויזיאָן. אין דער שטילער צייט קוקט ער פאַר זיך אַליין אויס עטליכע שטיקלעך ביליגע סחורה, שיקט עס צו דער ווייב אַהיים, זי צושנייַדט עס דאָרטען אויף „רעשטלעך" און עס ווערט צוחאַפּט, ווי מצה־וואַסער.

אַזוי אַרבייט ער אויס זיינע דריי־פיער־טויזענד רובל אַ יאָהר, לעבט זיך אַליין דורך, האַלט אויס די פאַמיליע אין דער־היים, לאָזט שוין די עלטערע קינדער לערנען און לייט זענען איהם נאָך מקנא.

II.

אַ קוק געֶבעֶנדיג אויפ'ן זייגעֶר, האָט קיילין געֶזעֶהעֶן, אַז עֶר האָט נאָך כמעט דריי שעה צום צוג, און עֶר האָט בעֶשלאָסעֶן אַראָבלויפעֶן קויפעֶן אַביסעֶל שפּיעל-צייג פאַר די קליינוואַרג.

אויפ'ן ראָג פון געֶסעֶל, האָט עֶר זיך צוזאַמעֶנגעֶשטויסעֶן מיט אַ בעֶקאַנטעֶן סוחר פון באַטום.

— אַ, פריאַטעֶל! — האָט איהם קיילין ברייט דעֶרלאַנגט די האַנד, פריינדליך צוקלאַפּעֶנדיג איהם בעת-מעשה מיט דעֶר צווייטעֶר האַנד איבעֶר'ן פּלייצעֶ, — ווי קומסטו איצט צו אונז אין מאָסקוועֶ? אויסעֶר'ן סעֶזאָן גאָר?

— ווי דו זעֶהסט! בעֶשעֶרט, קעֶנטיג, צו זעֶהעֶן זיך אויסעֶרעֶן סעֶזאָן — האָט יעֶנעֶר, ווי אומעֶטיג, געֶשמייכעֶלט.

— אפשר האַלסטו ביי'ם קויפעֶן אַ ביסעֶל בוכאַרעֶר זייד? — האָט זיך קיילין אַ חאַפּ געֶטהון, — פיינעֶ מוסטעֶרעֶן, עֶרשטעֶר סאָרט סחורה, ביליג... נאָר אַ ביסעֶל מזומן...

— עֶך, ברודעֶר, נישט נאָך סחורה בין איך דאָס מאָל

געקומען — האָט דער סוחר אָבגעזיפֿצט—אַנ'אַנדער סחורה דאַרף איך איצט: געזונד אַ ביסעל... קראַנק, ברודער. געקומען אין אייער מאָסקווע קורירען זיך, אפשר גאָר שטאַרבען...

— דאַ נו, פאָלנאָ! אַזוי גיך שטאַרבט מען נישט, בויר נאַזאַראָוויטש. פֿריהער דאַרף מען גוט אויסדאַרען — האָט ער זיך געוויצעלט. — וואָס איז עם דיר אַזוינס?

— איך וויים? אונזערע דאָקטוירים אַליין ווייסען אויך נישט. קאָנאָוואַלעם! איינער זאָגט: אַ ראַק, דער צווייטער — סאַרקאָמאַ; אַ דריטער זאָגט גאָר ס'איז נירען-ענטצינדונג. היינט געה דערגעה אַ טאָלק! אָט בין איך געקומען צו אייערע מאָסקעווער בערימטהייטען, זאָלען זיי מיר חאָטש זאָגען, פֿון וואָס איך שטאַרב.

— וואָס דרעהסטו אַלץ אַ מוח „שטאַרבען, שטאַרבען!" — האָט קיילין זיך אויף איהם מעשה גוטער-פֿריינד אָנגעבייזערט,—ער שטאַרבט שוין! נישקשה, וועסט נאָך ניט איין פעקעל אַרויספֿיהרען פֿון מאָסקווע, איידער דו וועסט שטאַרבען. ביז וואַנען וואָס-ווען, קויף די פאַרטיע זייד, וואָס איך זאָג דיר — האָט ער האַלב-ערנסט, האַלב אין שפּאַס ווידער אַמאָל פֿאָרגעשלאָגען זיין געשעפֿט, — חאַפּ אַריין!...

און אָבשטעלענדיג איהם נעבען אַ פֿענסטער פֿון אַ מאַגאַזין, האָט ער איהם אָנגענומען ביי'ם קנעפּעל פֿון פּאַלטאָ און אָנגעהויבען אויפֿווייזען, וואָס פֿאַר אַ ווילדע מציאה ער שלאָגט איהם דאָ פֿאָר און איינרעדען איהם, ער זאָל די געלעגענהייט פֿון האַנד נישט אַרויסלאָזען.

— דער סעזאָן, פֿערשטעהסטו, איז אַריבער, און געלד איז איצט אין גאַס טייער, איז יעדער גרייט די האַלז זיך שניידען

פאַר אַ מזומנ׳עם קערבעל. און דאָס, גאָט צו דאַנקען, פעהלט דיר דאָך נישט, האַ? — האָט ער איהם אונטערגעוואונקען מעשה גוטער-ברודער.

ווי קראַנק דער סוחר איז נישט געווען, דאָך האָט ער זיך, קענטיג, פעראינטערעסירט מיט דאָס געשעפט, וואָס קיילין האָט איהם פאָרגעשלאָגען. דאָס איז געווען צו זעהען נאָך דעם, ווי ער איז געשטאַנען אָנגעבויגען דעם קאָפ און מיושב׳דיג גלעטענ-דיג די באָרד, צוגעהערט זיך צו קיילינ׳ס רעד.

ער האָט זיך, קענטיג מישב געווען, צי לוינט איהם איצט אריינלאָזען זיך אין געשעפט, צי נישט. קיילין איז געשטאַנען און געקוקט אויף איהם פון אונטען אַרויף, מאַטערנדיג זיך, נאָך זיין פנים, צו טרעפען, צי געהט עס אויף אַ וועג און ער וועט נאָך פאַר פסח האַפען אַנ׳אונגעריכטע פופציגער, אָדער נישט.

דער סוחר האָט אַ הויב געטהון דעם קאָפ, גרייט צו געבען אַנ׳ענטפער, ווען פאַר זיי איז, ווי פון אונטער דער ערד, אויס-געוואַקסען דער פריסטאַוו פון שטאָדט-צירקעל, בעוואוסט צווישען יודען אונטער דעם נאָמען: „דער משומד".

קיילין האָט זיך דערפיהלט, ווי אַ האָז, וואָס דערזעהט זיך ארומגעריגנגעלט פון אַ סוואָרע יאַגר-הינד.

די צייטען זענען דאַמאַלס געווען ביטערע. מען האָט זיך נישט בענוגענט דערמיט, וואָס מען פלעגט זיך אין מיטען נאַכט אַריינרייסען אין יודישע הייזער, ניט שוינענדיג דעם שלאָף פון קינדער, די צניעות פון פרויען און די רוהע פון אַלטע, — נאָר מען האָט פשוט געחאַפט יודען אין גאַס, ווי מען חאַפט בלודנע הינד, וואָס בלאָנקאַיען זיך אַרום הפקר איבער די גאַסען.

אַזוי האָט בעפוילען דער דעמאָלטיגער גלאַוונער נאַטשאַלניק פון שטאָדט, וואָס האָט זאָגאַר בעשטימט אַ פּרייז פאַר יעדען געחאַפּטען „בעזפּראַוונעם" יודען.

ס'פערשטעהט זיך, אַז יעדער פּאָליצייסקער, יעדער סיסטשיק און סתם יעדערער, ווער ס'האָט געוואָלט לייכט פער־דיענען אַ „זייטיגי" קערבעל,—איז געגאַנגען איבער די גאַסען, און ווי נאָר ער האָט דערזעהען אַ פּאַרשוין מיט אַ יודישער נאָז,— אַזוי האָט ער איהם גלייך אָנגענומען און געפיהרט אין אוטשאַס־טאָק אַריין, אָדער פּריגעלאָזען, אויב די כשר'ע מטבע, וואָס דער טרפה'ר יוד האָט איהם געגעבען, איז געווען גרעסער, ווי די נאַגראַדע, וואָס די פּאָליציי האָט פאַר דעם זעלביגען יודען בעשטימט.

אָבער דאָס ערגסטע איז געווען אַריינצופאַלען אין די הענד פון דעם כּריסטאַוו פון שטאָדט־אוטשאַסטאָק מאָגיליעוויטש. פאַר איהם איז די יאַגד אויף יודען געווען נישט קיין מיטעל צו חאַפּען אַ גרינגען קערבעל, נאָר אַן'אֱמת'ער ספּאָרט.

חאַפּען אַ יודען און צו שפּיעלען זיך מיט איהם ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז, איז פאַר איהם געווען דאָס גרעסטע פערגעניגען פון וועלכען ער וואָלט זיך פאַר קיין געלד נישט אָבגעזאָגט. זיין טאַקטיקע איז געוועזן: פריהער גוט אָנהלומען זיך איבער זיין קרבן, און דערנאָך אַרויסשיקען איהם מיט'ן עטאַפּ מיט אַ חברה פון די ערגסטע אַרעסטאַנטען און מיט אַזאַ רעכנונג, אַז זיי זאָלען חדשים־לאַנג זיך וואַלגערען אין וועג.

„טרפה" יודען האָבען עס גוט געוואוסט און האָבען געווייכט צו טרעפען זיך אויף זיינע אויגען, ווי מען ווייכט פון דער גרעסטער געפאַהר.

און אַז קײלין האָט איצט דערזעהען, שטעהענדיג פאַר זיך „דעם משומד"‚—איז איהם גלייך אײנגעפאַלען: „פערשפּאָרט צו קויפען שפּיעל-צייג פאַר די קינדער: איך וועל שוין נישט זיין פּסח אין דערהיים"...

— ווי קטאָ טאַקיע בודיעטיע? — האָט דער פּריסטאַוו שטרענג אַ פרעג געטהון?

— מיר?... מיר זענען קופּצעס... געקומענע קופּצעס . . . נאָך סחורה געקומען צו פאָהרען...—האָט קײלין געפּרובט מאַכען זיך, אַז ער פערשטעהט נישט, וואָס מען פרעגט איהם.

— טשיוואָ אָן חאָטיט?—האָט דער באַטומער סוחר אַ פרעג געטון אין אַ צובראָכענעם רוסיש, אָנווייזענדיג מיט די אויגען אויפ'ן פּריסטאַוו.

דער פּריסטאַוו, וואָס איז ביז איצט געשטאַנען מיט'ן רוקען צו איהם, האָט זיך האַסטיג אומגעקעהרט און איז אַזש רויט געוואָרען פון כעס, דערזעהענדיג דעם פּאַרשוין, וואָס האָט געהאַט די העזה צו רעדען וועגען איהם אין אַזאַ ביטול'דיגען טאָן.

פאַר איהם איז געשטאַנען אַ פּאַרשוין מיט „גאַנץ בערדיטשעוו אויף זיין פיזיאָנאָמיע", ווי ער האָט ליעב געהאַט אויסצודריקען זיך. אַ הויכער, אַ ביינינגער, אַ שוואַרצער, מיט אַ נאָז, אויסגעבויגען ווי אַ שופר. בעוואַקסען איז דער פּאַרשוין געוועזען ווי אַ בער. די שוואַרצע, געדיכטע באָרד האָט זיך ביי איהם פערקליבען מיט צוויי קלינעס אַזש ביז צו די סאַמע אויגען, און אַראָבגעלאָזען זיך אויפ'ן האַלז, וואו זי איז פערפאַלען געוואָרען אונטער'ן ווייסען קראַגען און האָט זיך דאָרטען, מן הסתם, צוזאַמענגעגאָסען מיט די שוואַרצע וואָהל אויף דער ברוסט. וואָנצען

האט ער פערמאגט גאנצע צוויי פאר: איין פאר, גרויסע און געדיכטע, ווי ביי אלע מענשען—אויף דער אויבערשטער ליפ,— און דאס צווייטע פאר—קלענערע—איז איהם ארויסגעוואקסען פון די נאזלעכער און האט זיך בעהעפט מיט דער גרעסערער פאר.. די שווארצע געדיכטע ברעמען זענען זיך אויפגעקומען איבער די אויגען און צוזאמען געלאזען זיך האלב-וועגס איבער דער שופר׳דיגער נאז. קוסטעס האהר האבען זיך געקרייזעלט פון די אויערען, ביי די זייטען האלז אויפ׳ן קארק און אויף די גרויסע ביינינגע הענד.

— עטא טשטא זא נאחאל?—האט זיך אויף איהם דער פריסטאוו אנגערוקט.

— יא ניע נאחאל... איהר האט ניט קיין רעכט... — האט דער בעוואקסענער פארשוין א בלישצע געטהון מיט די אויגען.

טי קטא טאקאי בודיעש? — איז דער פריסטאוו פון גרויס בעס איבערגעגאנגען אויף „דו".

דערזעהען. אז דער פריסטאוו שטעהט מיט׳ן רוקען צו איהם און איז אינגאנצען פערטהון מיט׳ן באטומער סוחר,—האט קוילין נישט לאנג געטראכט, ארייגגערוקט זיך צווישען עולם, אויפ׳ן טראטואר, און, אין א סעקונדע, איז ער שוין געוועזען הינטערען ראג און האסטיג געשפרייזט איבערן געסעל צו זיך אהיים.

„דאס מאל וועל איך שוין קומען אהיים אהן שפיעל צייג — האט ער לאכענדיג צו זיך אליין פון גרויס שמחה געזאגט, — זאלען זיי דאנקען גאט, וואס דער טאטע ברענגט זיי חאטש זיך אליין אויף פסח אהיים.. ס׳האט נישט ווייט געהאלטען, איך זאל אויף שבועות אויך נישט אנציהען".

ווען דער פּריסטאַוו האָט בעמערקט, אַז איינער פון די צוויי האָזען, וואָס ער האָט געפּאַקט, איז איהם פערשוואונדען פון אונטער די הענד, איז ער אַ צוקאָלטער געוואָרען, פונקט מען וואָלט ביי איהם אין מיטען עסען דעם געשמאַקסטען ביסען פון מויל אַרויסגעריסען. און ער האָט זיך מיט נאָך מעהר כעס אַרויפגעוואָרפען אויף דעם איבערגעבליבענעם.

— אַ-אַ! וואָט קאַק! אָט וואָס פאַר אַ באַנדע אַבער זענט! אַבנאַרען פּאָליציי, אָבהאָדיט זאַקאָני... פון מיינע הענד אַרויסדרעהען זיך! איך וועל אייך שוין וויזען, ווי צו געהן געגען געזעץ, ניטשעוואָ!

— ע!—האָט ער אַ וואונק געטהון מיט אַ פינגער צו די צוויי גאָראָדאָוויע, וואָס זענען געשטאַנען אין מיטען גאַס אויף זייער פּאָסט, נישט אַראָבנעהמענדיג די אויגען פון נאַטשאַלסטוואָ.

איינער פון זיי איז גלייך צוגעשפּרונגען, פונקט ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט נאָר געוואַרט, מען זאָל איהם אַ רוף טהון. און צוהאַלטענדיג מיט איין האַנד דעם שווערד, האָט ער מיט דער צווייטער האַנד גענומען "פאָד קאָזיראָק", אויסגעצויגען זיך „פאָ וואָיענאָמו", אָנגעבלאָזען די באַקען און אויסגעגלאָצט די אויגען אויפ'ן פּריסטאַוו, אויסדריקענדיג מיט זיין גאַנצען אויס־זעהען: „איך בין גרייט, זאָל נאָר נאַטשאַלסטוואָ זאָגען אַ וואָרט"...

— אָטוועדי יעוואָ וו'אוטשאַסטאָק! — האָט ער אָנגעוויזען מיט'ן האַנד מיט דעם זשעסט פון אַנ'אַקטיאָר אויף דער ביהנע.

און מיט דעם אויסזעהען פון אַ מענשען, וואָס האָט שוין

זיינם אָבגעטהון, האָט ער זיך אומגעקעהרט און גענומען אוועקגעהן.

— יאַ ניע פאָנימאַיעם!... טשיוואָ וו'אוטשאַסטאָק?... — האָט זיך דער סוחר איינגעשפּאַרט, — כ'האָב עפּעס גע'גנב'ט, צי וואָס?...

— ניע ראַזגאָווּאַריוואַט! — האָט זיך דער פּריסטאַוו אָבגעשטעלט און אַ טופּע געטהון מיט'ן פוס — איך וועל שוין מיט דיר דאָרטען אַ שמועס טהון. מאַרש!

און איז ווייטער אַוועק.

— פאָידיאָם, פאָידיאָם, גאָספּאָדין האָראָשי! — האָט איהם דער גאָראָדאָוואָי איינגעלאַדען, נעהעמענדיג איהם פאַר'ן אַרבעל — פּאָזשאַלויטיע! נישטאָ וואָס איינצושפּאַרען זיך.

— איך וועל זיך בעקלאָגען פאַר'ן גענעראַל-גובערנאַטאָר! איך וועל דאָס נישט שווייגען! איך בין באַטומער הויז-אייגענטימער, אַ פּערוואָ-גילדיע קופּיעץ! פאַרוואָס אַרעסטירען! — האָט דער אַרעסטירטער נאָכגעשריען דעם פּריסטאַוו. אָבער יענער איז שוין געווען ווייט און האָט נישט געהערט, אָדער געמאַכט זיך נישט הערענדיג. ער האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף איהם.

— מיר ווייסען גאָרנישט. אז מען הייסט געהן, דאַרף מען געהן... פּאָזשאַלויטיע!...

II.

דער פּרִיסטאַוו איז געזעסען אין קאַבּינעט פון אוטשאַסטאָק און אַ פּאָליצייסקער האָט צו איהם, איינעם נאָך דעם אַנדערען, אַריינגעפיהרט אויפ'ן פערהער אַלע, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרען פאַר די לעצטע דריי מעת-לעת. דאָס-רוב זענען דאָס געוועזען קליינע פּלאָטקעס: פערהאַלטענע אין גאַס פאַר אַ געשלעג, פאַר אַ סקאַנדאַל אין אַ שענק, פאַר אַראָבּחאַפּען אַ שטיקעל וועש פון אַ פּאַרקאַן און נאָך פאַר אַזעלכע פערברעכענס.

די אויספאָרשונג איז געגאַנגען, ווי געשמירט: געפרעגט דעם נאָמען און אַדרעס. געמאַכט אַ „פּראָטאָקעָ", צו שטימט עס מיט'ן פּאַספּאָרט, געהייסען אונטערשרייבען דעם פּראָטאָקאָל און, אָדער צוריקגעשיקט אין „אוטשאַסטאָק", אָדער, גוט אָנזידלענדיג, אַרויס בעגלייט מיט אַ יוני'שער ברכה, אָנזאָגענדיג, דעם בּעפרייטען ער זאָל זיך בעסער מעהר אויף די אויגען נישט טרעפען.

דעם לעצטען האָט מען אַריינגעפיהרט דעם באַטומער סוחר.

נישט אַנ'אויסגעשלאָפענער, מיט צופודרעלטע האָר, מיט אַ געל־בען פנים און מיט איינגעפאַלענע אויגען, אין וועלכע ס'האָט געברענט אַנ'אומגעזונטער פיבערישער פייער, — האָט ער אויס־געזעהען, ווי מען וואָלט איהם געבראַכט פון אַ שפּיטאָל, אָדער פון אַ משוגעים־הויז.

— אַ, „רעבע'ן" ביזט אויך דאָ? — האָט איהם דער פּריס־טאַוו מקבל פנים געווען, ווי זיין שטייגער איז געווען צו אויפ־געהמען יודען.

— יאַ ניע פאָנימאַיעם! — האָט דער סוחר גערעדט אויף זיין אייגענעם רוסיש, — איך פערשטעה נישט, וואָס איהר ווילט און וואָס פאַר אַ רעבע?

ער האָט זיך געמאַטערט צו זיין איינגעהאַלטען, אָבער מען האָט געזעהען. אַז דאָס בלוט קאָכט אין איהם פון אויפרעגונג.

— איי, וויי, טאַטעלע, מאַמעלע! יאַנקעל ניע פאָנימאַיעם רעבע! — האָט איהם דער פּריסטאַוו נאָכגעקרימט. — נו, רעבע, ראַבין! וואָס איז דאָ צו פערשטעהן?

דער סוחר, וואָס האָט אַ וואָרט נישט פערשטאַנען, וואָס מען רעדט צו איהם, איז, קענטיג, נישט אויפגעלעגט געווען צו דעם פּריסטאַוו'ס פּוילע חכמות. און, אָנשטעלענדיג אויף איהם אַ פּאָר בייזע אויגען, האָט ער שוין העכער און אויפגערעגטער אַ פרעג געטהון:

— פאַרוואָס האָט מען מיך אַרעסטירט? און וואָס פאַר אַ וויטצען פּראַוועט איהר דאָ מיט מיר?

— האַ?! וואָס?! — איז דער פּריסטאַוו אויס אונטערגע־שפּרונגען פון שטול. — וואָס איז דאָס פאַר אַ טאָן? מיט וועמען רעדסטו דאָס? אַך טי, זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ, נאַחאַל!

און נאָך דעם, װי זײַן פּנים און קאַרק איז אָנגעגאָסען געװאָרען מיט בלוט, איז לײַכט געװען צו זעהען, אַז ער מאַכט אויף זיך די גרעסטע אָנשטרענגונג, ניט אַרויפצוּװאַרפען זיך אויפ׳ן „נאַחאַל" און צוהאַקען איהם די „זשידאָװסקאַיאַ מאָרדאַ".

בײַ׳ם „נאַחאַל" װידער זענען די ליפּען בלאַס געװאָרען פון כעס און די אויגען זענען מיט אַמאָל װי אויסגעלאָשען געװאָרען, דערהערענדיג דעם פּריסטאַװ׳ס קולות.

— װער איז אַ זשידאָװסקאַיאַ מאָרדאַ? ! װעמען רופט איהר זשיד? ! — האָט ער בעװעגט מיט די באַקען-בײַנער, און די אויגען זענען איהם װידער פערלאָפען מיט בלוט.

— מאָלטשאַט! — האָט דער פּריסטאַװ אַ דונער געטהון, אַ זעץ געבענדיג מיט׳ן קולאַק אָן שרײַב-טיש, — יאַ טיעביע, יאַ טיעביאַ...

— סאַם מאָלטשאַט! — האָט דער סוחר פון זײַן זײַט אַ טופּע געטהון מיט׳ן פוס, — איך בין אײַך נישט קײן זשיד!... איך בין אַ קופּיעץ פּערװאָ-גילדי... גאַנץ מאָסקװע קען מיך... איך װעל נישט ערלויבען שרײַען אויף מיר, װי אויף אַ גאַסען-אינגעל.

דער פּריסטאַװ האָט באַלד בעקומען דעם שלאַק מעהר פון פערװאונדערונג, װאָס אַ זשיד האָט דעם מוטה און די חוצפּה צו רעדען מיט איהם אין אַזאַ טאָן, — װי פון כעס. פון גרויס װאונדער און אויפרעגונג האָבען איהם פערפעהלט װערטער און זײַן דונערנדיגע שטימע האָט פערלאָרען איהר גאַנצע קראַפט.

— עטאָ טשטאָ טאַקאָיע?... טשטאָ עטאָ זנאַטשיט?!...—

האָט ער געפּישצעט מיט אַ ווײַבערשען פאַלצעטעל, — דאַ וויעד יע טיעביאַ... דאַ וויעד יאַ טיעביאַ וו'פּאָראָשאָק סאָטרו!.., וו'באַראַני ראָג סאָגנו!...1)

— דאָס וועלען מיר נאָך זעהען, ווער — ועמען! — האָט דער סוחר איהם ניט געלאָזט ווײַטער רעדען, — מיר'ן זעהען, צי מעג מען גלאַט חאַפּען מענשען אין די גאַסען און האַלטען זיי פערשפּאַרט!... מיך, אַ פּערוואָגילדעיעץ! אַ הויז־אייגענטי־מער... אַ פּאָטאָמסטוועני פּאָטשאָטני גראַזשדאַנין!... מעדאַלען פאַר וואָהלטעטיגקייט!... דאָלאָזשען דעם גענעראַל־גובערנאַטאָר!... צום סאַמע מיניסטער דערלאַנגען! — האָט ער אין גוואַלדיגער אויפרעגונג אויסגעשריען אָבגעהאַקטע פראַזען, אין אַ צובראָכענער שפּראַך.

ווי צוקאָכט און אויפגערעגט דער פּריסטאַוו איז נישט גע־ווען פון דער זשידאָווסקער נאַחאַלסטווע, — פונדעסטוועגען, האָט ער, דערהערענדיג די ווערטער: „פּערוואָגילדעיעץ", „פּאָטאָמסט־ועני, פּאָטשאָטני גראַזשדאַנין" און „מעדאַלען", — פערשטאַנען, אַז ער האָט דאָ אַ ביסעל איבערגעחאַפּט די מאָס; און ער האָט גלייך געגומען מיט אַ טאָן נידריגער.

— ווי, איהר זענט אַ פּערוואָגילדעיעץ? — איז ער קודם איבערגעגאַנגען אויף „איהר".—אויב אַזוי, פערשטעהט זיך, איז עפּעס אנדערש. אַ פּערוואָגילדעיעץ קאָן זיין אין מאָסקווע גאַנצע

---

1) וואָס איז דאָס, וואָס בעדייט דאָס? איך וועל דאָך דיך אין פולווער צערייבען!... אויפדרעהען ווי אַ באַראַנישער האָרען!..

זעקס חדשים, ס'פערשטעהט זיך, אויב ער האָט נאָך נישט אויס-געגוצט זיין רעכט.

— וואָס פאַר אַ זעקס חדשים? וואָס'ר אַ רעכט — האָט יענער נישט אָנגעהויבען צו פערשטעהן דעם פשט פון די ווערטער.

— וואָס מאַכט איהר זיך אין דער אמת'ען צום נאַר, וואָס? — איהר ווייסט נישט, אַז איהר טאָרט אויף אייער גילדיגע אויסער דער טשערטאַ נישט וואָהנען מעהר ווי זעקס חדשים, וואָס?

—פאַרוואָס טאָר איך עפּעס מעהר, ווי זעקס חדשים נישט וואָהנען? --- וואָסער טשערטאַ? — האָט ער זיך אַלץ מעהר און מעהר געחידוש'ט.

— גאַנץ איינפאַך, ווייל איהר זענט אַ יוד!

— וואָס?! איך—אַ יוד?!—האָט ער ברייט אויפגעריסען די אויגען, — דערווייל נאָך נישט...

— וואָס הייסט? וואָס דען זענט איהר, אַ וויקרעסט?... טאַ יעסט, אַ געוועזענער יוד?

— דער סוחר האָט אַ קוועטש געטהון מיט די פלייצעס און פערדראָסיג געזאָגט:

— וואָס טויג אייך, גאָספּאָדין פּריסטאַוו, מאַכען מיר אַ גאַנצען דאָפּראָס, נעהמט מיין פּאַספּאָרט, וועט איהר זעהען ווער און וואָס בין איך.

דער פּריסטאַוו האָט אַ ווייל'ע געזוכט צווישען די פּאַפּיע-רען אויפ'ן שרייב-טיש, אויסגעפונען דעם נויטיגען פּאַספּאָרט און גענומען דורכקוקען איהם, לייענענדיג שטיל פאַר זיך:

— „פּערוואָי גילדי קופּיעץ... טאַק׳ס... פּאַטאָמסטווענ׳, פּאַטשאָטני גראַזשדאַנין... דאַ, דײַסטוויטעלנאָ... דוד נאַזאַראָוויטש מעסעריאַניץ... הם!... אַרמיאַנין...

— האַ? וואָס? אַנ׳אַרמיאַנין גאָר?!

— אַרמיאַנין... מי אַרמיאַנין!... — האָט דער סוחר מיט שטאָלץ געזאָגט — גלאַסני פון באַטומער שטאָדט־דומע..

— אַך, טי האָספּאָדי! וואָט טאַק קאַזוס! [2] פּאַרוואָס־זשע האָט איהר גלײַך נישט געזאָגט? דאַ סאַדיטיעס! זעצט זיך, וואָס שטעהט איהר, זיצט, איך בעט אײַך! — איז ער אײַלענדיג אויפגעשטאַנען און דערלאַנגט איהם אַ שטוהל.

— וואָס הײַסט, כ׳האָב נישט געזאָגט? איך האָב געשריען, נישט געזאָגט. איך האָב אײַך נאָך דערמאָלט אויפ׳ן גאַס נאָכגעשריען, אַז איך בין אַ פּערווע גילדי; איהר האָט אָבער אַפילו נישט געוואָלט הערען.

— און איך בין געוועזן זיכער, ענטשולדיגט, אַז איך האָב צו טהון מיט אַ זשיד!... כ׳וואָלט דעם קאָפּ געגעבען, אַז איהר זענט אַ זשיד...

— נו, איז וואָס איז דען?

— טאָ יעסט, קאַק טאַק? דאַן איז גאָר אַנ׳אַנדער זאַך! זאַקאָנעס אַנדערע...

און ווי ער וואָלט פאַר איהם געוואָלט קלערער מאַכען דעם ענין, האָט ער צוגעגעבען:

---

[2]) אַך, דו, גאָט מײַנער! אָט איז אַ פּלאָנטער!

— אַז איהר ווייסט נישט, וואָס פאַר אַ מאָשעניקעס דאָס זענען און ווי זיי קענען אָבהאָדיען דעם זאַקאָן... טרייבסט איהם פון טהיר, געהט ער דורכ'ן פענסטער... איהר זאָגט מיר: „קופעץ". קלער איך מיר: מאַלע וואָס אַ זשיד באַלבעט. מיר ווייסען, וואָס פאַר אַ קופּצעס איהר זענט! אַלע זענט איהר קופּצעס... ווען אָבער איהר זאָגט מיר גלייך: „אַרמיאַנין", וואָלט דאָך צו קיינע אונאַנגענעהמליכקייטען נישט געקומען... איהר מוזט אונז שוין ענטשולדיגען... ראַדי באָגאַ, איזוויניטיע, אַדנאָ ניעדאָראַזומעניע... [3]

און דער פּריסטאַוו איז אויפגעשטאַנען, אָנגעבויגען דעם אויבערשטען האַלבען קערפּער פאָראויס און צוגעלעגט די האַנד צו דער וואַטאָווער ברוסט, וואָס דאָס האָט געדאַרפט איבער־צייגען דעם אַרמיאַנין, ווי באַנג ס'איז איהם די מיספער־שטענדניס.

— ניין, איך קען עס אַזוי נישט לאָזען — האָט זיך דער סוחר נישט געלאָזט איבערבעטען — איך בין אַ מענש אַ קראַנקער, געקומען אַהער היילען זיך, און איהר חאַפּט מיך אין גאַס, ווי מען חאַפּט אַ גנב צו אַ בונטאָווּשטשיק, האַלט מיך אָב צוויי מעת־לעת אין אַ פינסטערען און פייכטען קעלער! ניין, איך וועל דאָס נישט שוויינגען.

— פערשטעהט אָבער, ליעבער פריינד, אַז איך האָב

[3] אום גאָטעס ווילען ענטשולדיגט! עס איז אַ איינפאַכע מיסטפער־שטענדניס.

נישט אײך געמיינט צו אַרעסטירען! איך זאָג דאָך אײך: איך בין זיבער געווען — און בעט טויזענד מאָל ענטשולדיגונג, — איך בין זיבער געווען, אַז איך האָב צו טהון מיט אַ זשיד... איך מײן אײך נישט, גאָט בעהיט, צו בעליידיגען, אָבער כ'האָב אײך פאָרט אָנגענומען פאַר אַ יוד און זײ בין איך מחויב צו אַרעסטירען... עס טרעפט אַ טעות, וואָס זאָל מען טהון? מען איז נישט מעהר, ווי מענשען... און איך בעט אײך נאָך אַ מאָל אום ענטשולדיגונג!

דער אַרמיאַנין אָבער, האָט בשום אופן נישט געקאָנט פערשטעהען די דאָזיגע ענטשולדיגונג. איהם האָט זיך נאָך אַלץ נישט געלעגט אויפ'ן שכל, פאַרוואָס קומט איהם אַרעסטירט צו ווערען און אָבוואַלגערען זיך צוויי מעת-לעת אין אוטשאַסטאָק, אַפילו ווען ער זעהט אויס, ווי אַ יוד.

און ער איז אַוועק פון אוטשאַסטאָק אַברוגז'ער.

— אָט האָסט דו דיר גאָר אַזאַ היסטאָריע! — האָט דער פריסטאַוו אונרוהיג געזאָגט צו זיין געהילף, נאָך דעם, ווי דער אַרמיאַנין איז אַוועקגעגאַנגען, — כ'האָב מורא, איך זאָל קיין אונאַנגענעהמליכקייטען נישט האָבען. געזעהען, געוואָלט פאַקען אַ זשיד, רוקט זיך מיר גאָר אונטער אַנ'אַרמיאַשקאַ! די מאַפע פון גאַנץ ירושלים ליעגט איהם אויפ'ן נאָז, און גע"ה טרעף, אַז עס

איז גאָר אַ אַרמיאַנין. אַך טיִ, פּראָקליאַטאָיע זשידאָווסקאָיע אָטראָדיע! וואָס פאַר אַ אונאַנגענעהמליכקייטען מען האָט עס דורך זיי!...

— דאַ=ס, דאָס טרעפט אַמאָל בײַ אָחאָטניקעס—האָט דער געהילף מיט אַ שמייכעל בעמערקט, — מען צילעוועט זיך אין אַ האָז און מען טרעפט אַ פוקס...

דֶר בַּארָאן אִין בַּאבָּאיֶנֶע.

די עטליכע טעג יום־טוב, וואס שאול־בער פערברענגט ביי זיך אין באבאיני—דאס איז די איינציגע בעלוינונג, וואס ער האט פאר זיינע צרות און אבקומעניש פון א גאנץ יאהר אין פעטערבורג.

שטעדטעל איז איהם מקנא.

— האט זיך אריינגעכאפט א יוד קיין פעטערבורג און שניידט גאלד!

ער לייקענט עס נישט אב, — ס'איז נישט זיין טבע צו מאכען זיך קלענער, ווי לייט האלטען איהם — אבער ביי זיך אין הארצען ווייס ער דאך וואס פאר א גליקען ער מאכט און וואס פאר א לעבען ער לעבט:

שטענדיג נע ונד, קיינמאל נישט זיכער, אז דו וועסט היינטיגע נאכט קענען נעכטיגען, וואו דו האסט גענעכטיגט די נעכטיגע נאכט; דערזעהסט ארויפגעהענדיג אויפ'ן הויף א „קנעפעל", רייסט זיך דיר אב אין הארצען; ליגסט אין האנד

ביי אַ סטאַרשי דוואָרניק, ביי אַ פּויער, אַ חם: וויל ער, כ׳ יזט דו אין פּעטערבורג; וויל ער נישט — נעהם דאָס פּעקעל און טראָג זיך, אויב דו ווילסט נישט וואַרטען, מען זאָל דיך אונטערפיהרען.

נאָר ס׳וואָלט שוין אַלץ געלוינט אויסצושטעהן, ווען ס׳וואָלט חאָטש געווען פּרנסה, קומט אָבער אָן דער רובעל פאַרדינען מיט אַזעלכע יסורים, פון וועלכע דער שטעדטעלדינגער יוד האָט גאָר קיין השגה נישט.

אָט די אַלע „מלאכות", וואָס זענען איהם איינגעשריבען אין די פּאַפּירען, ברענגען נאָר אויס אַ קערבעל, ניט זיי ברענגען אריין...

זיין חשבון איז געווען: שטעדטיל איז פאַראַרימט, תבואה, מסחר איז געפאַלען, צו וואָס צו לאָפען זיך איז נישטאָ, ווען ער זיך אוועקלאָזען קיין פּעטערבורג. אַ כרך, אַ הויפּט-שטאָדט, וואָס איז שייך ס׳וועט ניט זיין ביי וואָס אַ קערבעל צו פאַרדינען? איז ניט דאָס, איז יענס... אַ וועלט מיט יודען לעבען דאָך דאָרט! אגב, איז אַ סברה, אַז די באַראָנען זענען שטיקלעך קרובים, דאָס הייסט דער ווייב׳ס שטיקלעך קרובים, פאַרהאַן נאָך משפחה, וועט מען זיך רייבען אַרום זיי.

לאָזט זיך אויס, אַז צום „באַראָן" איז גאָר ניט צוצוקומען; פון די איבריגע קרובים זענען פאַרהאַן אָרימע לייט, וואָס קענען ניט העלפען, און גבירים, וואָס ווילען ניט העלפען...

קומסט אַ מאָל אַריין וואַרעמס-צייט, שלינגסט די שפּייעכץ קוקענדיג, ווי זיי ווערען צופּלאַצט עסענדיג, און זאָל כאָטש ווער זאָגען פון יוצא וועגען: „קומט עסען, ר׳ שאול-בער!"

ס׳מאַכט זיך, אַז דו רייכסט זיך אויף אַ „נאַכט וויזיט״, און געהסט אַריין צו אַ קרוב, פֿערזיצט זיך בכיון שפעטלעך, טאָמער וועט מען דיר בעטען איבערנעכטיגען, אָבער ווי ס׳קומט אַ זייגער צעהן — עלף, גיעבען די טהייערע קרובים אָנצוהערען.

אַ בייזע מורא פֿאַלט אויף זיי אָן...

און דו שלעפסט זיך אַרום, אַגאַנצע נאַכט איבער די נאַסע, פֿוילע פּעטערבורגער גאַסען, און האָסט ניט וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען, כאָטש נעהם און וואַרף זיך אין וואַסער אַריין מיינע שונאים. —

היינט די טובה, וואָס זיי טהוען איהם אַז זיי קויפען ביי איהם דעם האַלב פֿונט טהע, צו דעם פֿונט שוועמלעך, צו דעם היימישען קעז! אַקוראַט זיי וואָלטען איהם אַ נדבה געשענקט.

קומט פֿאַר פּסח, קען גאָר פּלאַצען פֿון זיי די גאַל, דו דאַרפֿסט דאָך מצה און שמאַלץ, טאָ וואָס אַהרט דיך, אַז דו וועסט גלייך זאָגען ווי פֿיעל און וואָס... איז ניין, מען וועט דיר ציהען די עצמות, אַז קוים וואָס דו רייסט זיך אוים צוויי טעג פֿאַר פּסח אַ היים.

— מען וועט נאָך זעהן, מ׳וועט זיך מישב זיין... אַ וואָג גיעט איהר חאָטש אַ גוטע? ... אַ, נישט גוט זאָל זיי ווערען, די גראָבע קישקעס! די נשמה קענען זיי אויסציהען פֿאַר יעדען גראָשען וואָס זיי גיעבען צו לייזען.

דערפֿאַר אָבער, אַז ער קומט שוין אַ היים, לעבט ער אָב, ווי אַ פֿיש אין איהר אייגענער וואַסער.

אָבלעבענדיג אַ גאַנצען לעבען אין דחקות, אַ פערשטױ־סענער, און אַ געוואַלדיגער פאַנטאַזיאָר און בעל־מגזם בטבע, איז זײַן גרעסטער פערגעניגען צו דערצעהלען וועגען זיך ווילדע מעשיות, גוזמאות, גליקען, אין וועלכע ער הויבט ביסלעכ־ווײַז אַלײַן אויך אָן צו גלויבען און איז גרײַט לאָזען זיך די האלז שנײַדען, אַז יעדעס וואָרט, וואָס ער דערצעהלט איז אמת.

לײַט אָבער גלויבען וועהניגער, ווי ער אַלײַן — אַזאַ מיאוס׳ע טבע האָבען שוין די גרויסשטעדטיגע — און האַלטען איהם פשוט פאַר אַ ליגנער. דערפאַר אָבער קומענדיג צו זיך אין שטעדטעל, קען ער פאַנטאַזירען און דערצעהלען זײַנע מעשיות, ווי פיעל זײַן הארץ גלוסט. שטעדטעל גלויבט אַלץ.

אָבגעריסען פון דער גאַנצער וועלט, ווײַט פון אַ באַהן און פון יעדער פערקעהר מיט מענשען, צוואַנציג שעה רײַזע פון נעהנסטען „מקום״, — ליעגט דאָס שטעדטעלע פערשטעקט צווישען אײביגע זומפען און שלעכטע וועגען, אַנ׳אײנזאַמע און פערגעסענע פון גאָט און לײַטען, ווי אַ שטיקעל פערגעסענער אָבפאַל פון דער גרויסער וועלט.

אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אויף דער גרויסער וועלט: — רעוואָלוציעס, איבערקעהרעניש, מלחמות, גרויסע ערפינדונגען, ערד־ציטערניס, וועלט־פאָליטיק,—דערגרײַכט צו דאָס שטעדטעלע וואָס ליעגט און שימעלט אין די זומפען, ווי אַ שוואַכער, פערטויבטער אָבקלאַנג און אין אַ משונה׳דיג־פערדרעהטער געשטאַלט, אי דאָס ערשט דאַמאַלס, ווען די וועלט האָט שוין אָן דעם לאַנג—פערגעסען.

שאול־בער׳ס אַראָבפאָהרען צו זײַן פאַמיליע אויף פסח,

איז די גרעסטע געשעהעניש אין שטעדטעל, אויף וועלכע מען קוקט אויס די אויגען אַ גאַנץ יאָהר, ער דערצעהלט זיי אַלץ, וואָס עס טהוט זיך אויף דער גרויסער וועלט, וואָס עס הערט זיך אין פּעטערבאַרג און וואו עס האַלט מיט יודען.

יעדעס וואָרט זיינס ווערט פערשלונגען מיט דער גרעסטער נייגעריגקייט און אַלץ וואָס ער זאָגט, איז הייליג.

פּסח שפּיעלט ער אין שטעדטעל אַ גרעסערע ראָליע, ווי זיין „שוועסטער־קינד", דער באַראָן אין פּעטערבורג.

געוועהנליך פאָהרט ער אַראָב סאַמע ערב־פּסח פאַרנאַכט.

ער האָט פיינט, זאָגט ער, דעם ערב־פּסח'דיגען טאַראַראַם...

די ערשטע נאַכט יום־טוב געהט שאול־בער ניט אין שול: ער איז מיעד פון וועג. — אויף מאָרגען קומט ער, ווען מען האַלט שוין אַ שטיק אין שחרית.

אַ פּעטערבורגער מעג...

די שכנים אַרום איהם שטעקען איהם אָב אַ שלום־עליכם נאָך בשעת קריאת התורה און וואַרפען זיך איבער אין דער שטיל מיט אַ פּאָר ווערטער. נאָר דער רעכטער שמועס הויבט זיך ערשט אָן נאָכ'ן דאַוונען.

נאָכ'ן דאַוונען געהט יעדער צו צום רב גוט יום־טוב ביטען, און פון רב—צו שאול־בער'ן:

— גוט יום־טוב ר' שאול־בער, שלום־עליכם!

— גוט יום־טוב, גוט יאָהר, עליכם־שלום.

— גוט יום־טוב פּאַניע ציםבלער, שלום־עליכם. וואָס הערט מען עפּעס אין פּעטערבאַרג?

— עליכם שלום. פּעטערבורג שטעהט אויף איין אָרט.

— וואָס הערט זיך עפּעס אין די הויכע פענסטער?

— וואָס זאָל זיך הערען? קיין גוטס געווים ניט.

און שאול־בער קוקט בשעת מעשה אַזוי, אַז ווייסען ווייס ער גאָר אַ סך, נאָר ניט וועגען אַלץ קען מען רעדען...

דער עולם אַרום ווערט אַלץ געדיכטער, יעדערער שטופּט זיך, וואָס נעהנטער צו איהם; די הינטערשטע הויבען זיך אויף די שפּיץ פינגער און שטעלען אָן די אויערען צו כאַפּען חאָטש אַ וואָרט פון די נייעס, וואָס שאול־בער דערצעהלט. יונגע לייטלעך שטעהען מיט אויפגעריסענע אויגען און קוקען איהם גלייך אין מויל אַריין, און די חשוב'ע בעלי־בתים בע־טען איהם.

— מילא, אונז מעגט איהר דאָך זאָגען דעם אמת, מען איז דאָך אייגענע מענשען... האַלט עס טאַקי זעהר שמאָל מיט יודען דאָרטען?

— וואָס איז די פּעולה פון די רייד, וואָס? — קוועטשט שאול־בער מיט די פּלייצעס—רעד יאָ רעד נישט — בעסער וועט דערפון ניט ווערען.

— און אַ דומע איז נאָך פאַרהאַן, אַ דומע?

— דערווייל האַלט זי זיך נאָך — זאָגט שאול־בער מיט אַ מיין.

— און וואָס זאָגט זי, די דומאַ, וואָס?

— די דומאַ? וואָס קליינשטעטעלדיגע יודען זענען! איהר מיינט אַ פּנים, אַז די דומאַ האָט עפּעס אַ דעה? וואָס מען וויל פון אויבען, דאָס טהוט מען אונטען, איהר פערשטעהט?...

— איז הייסט עס קיין הנחות פאַר יודען נישטאָ וואָס צו וואַרטען?

— הנחות? מיר, פּעטערבורגער, וועלען זיין צופריעדען עס זאָל חאָטש ערגער נישט ווערען...

— אַזוי, אַזוי... פאַרוואָס שווייגען אונזערע גבירים? די גדולים אונזערע? אַ באַראָן גינצבורג, אַ פּאָליאַקאָוו דאָרטען? ס׳וואָלט קיין עולה נים געווען איהר זאָלט איהם דערמאָנען דאָרטען, דעם קרוב אייערען.

— וואָס רעדט איהר עפּעס שטות׳עריי! — ווערט שאול־בער אין כעס, — צו שטופּ איך זיי אונטער? אַ שעהנע מעשה, כ׳לעבען! איהר דאַרפט וויסען, אַ שאול־בער איז נישט פון די שעמעוודיגע יודען... דו ביזט טאַקי אַ באַראָן, אָבער אַז עס געהט וועגען טובת הכלל, איז ביי מיר ווערט אַ ציבעלע, וואָס מיין שוועסטער־קינד איז אַ באַראָן, צו מיין פּעטער איז אַ קאַזיאָנער פּאָדריאַטשיק...

און שאול־בער בעטראַכט דעם עולם: איהר פערשטעהט, הייסט עס, מיט וועמען איהר האָט דאָ צו טהון?

— איז וואָס־זשע דען, זיי זענען סתם הייסט עס, קאַלט צום ענין? עס אַהרט זיי נישט? — פערדריסט דעם עולם.

שייך צו זאָגען ס׳אַהרט זיי נישט! — נעהמט זיך שאול־בער אָן פאַר דעם כבוד פון זיין „שוועסטער־קינד״, — פערדיענען מיר דאָס אַלע יאָהר, וואָס יודען קאָסטען אָב דעם באַראָן... ווען נישט זיין שתדלנות, וואָלט נאָך ערגער געווען . . . למשל, מען האָט אַנומעלט געוואָלט אַרויסשיקען אַ צוויי הונדערט יודישע בעלי־מלאכות פון פּעטערבורג. צו וועמען לויפט מען? — צו שאול־בערין. מען ווייסט, מיט׳ן באַראָן בין איך אַ קנעפּעל, אין די דעפּאַרטאַמענטען אויך נישט קיין פרעמדער, בכן, זאָל איך זעהען

אַרײַנלעגען זיך אין עסק... לויף איך אַוועק צום באַראָן, צום יונגען באַראָן, הײסט עס, און זאָג:

— באַראָן, זאָג איך — וואָס וועט זײַן, זאָג איך, וואָס?

— וואָס ווײַטער? — פרעגט ער.

— סטײַטש, זאָג איך, יודען ווערען דאָך אומגליקליך! אַ קלײניגקײַט אַזאַ גזרה!

— וואָסער גזרה, זאָגט ער, די וויסילעניע?

— נו, יאָ, די וויסעלעניע, נאָך וועהניג, זאָג איך, פאַר דיר? דיר, זאָג איך, טשעפּעט עס, אַ פּנים נישט. דו ביזט קײן טינט־מאַכער נישט, און קײן זײף־קאָכער אויך נישט, זאָג איך...

און האָב איהם, פערשטעהט איהר מיך, גוט אויסגעשנצ'ט, ווי פיעל ס'איז אין איהם אַרײַן! וואָרום וויסען דאַרפט איהר, אַז אָט דער גרויסער באַראָן האָט זיך אויף מײַנע הענד אויסגעהאָדעוועט... דאָס איז עד איצט אַזאַ גרויסער קנאַקער, וואָס קען שבעים לשונות, איז אַ מחותן מיט פּראָפעסאָרען, איז זאַ פּאַנאַבראַטאַ מיט מיניסטאָרען און שררות, אָבער איך געדענק איהם נאָך ווען ער איז געווען אָט אַזאַ צוציקעל.

און שאול־בער ווײַזט אָן דרײַ פערטיל אַרשין פון דער ערד, כדי דער עולם זאָל זעהן, ווי גרויס איז געווען דער „צוציקעל".

— נו, נו, וואָס־זשע האָט ער געענטפערט? — איז דער עולם טשיקאַווע צו וויסען.

— וואָס־זשע קען איך טהון, פעטער? — מאַכט ער צו מיר — (אין דער אמת'ן זענען מיר שוועסטער־קינדער, נאָר ער איז געוואָהנט פון קלײנוויַיז אָן צו רופען מיך „פעטער")".

— וואָס זאָלסט דו טהון, זאָג איך—פאָהר, געה, בעט!

— פאָהרען, זאָגט ער, קען איך, אָבער כ׳וויים נישט צו ס׳וועט העלפען.

— דו, זאָג איך, ביזט מחויב צו טהון וואָס דו קענסט, און ווייטער—וועלען מיר זעהן.

— נו, זאָגט ער, פאָהרען איז פאָהרען, לאָמיר ביידע פאָהרען.

איך האָב אפילו קיין צייט נישט געהאַט. ווארום איך בין פערשטעהט איהר מיך, נישט דער באַראָן, וואָס זיצט און שניידט קופאָנעס, נאָר אַז מען מוז—מוז מען...

האָבען מיך זיך אַרויסגעלאָזט. קומען מיר צום גראַדאָ-נאַטשאַלניק, זאָגט ער: פריקאַז! איך קען דאָ גאָר נישט העלפען.

זעטצען מיר זיך אין אויטאָמאָביל — אַזא קאַרעטע, וואָס פאָהרט אָהן פערד — און „לאָזען זיך גלייך צום טאָווארישץ-מיניסטער, בעגעגענט ער אונז גאַנץ פריינדליך און זאָגט:

— פון גאַנצען הארצען, באַראָן, אָבער וואָס זאָל איך טהון? ס׳זענען פאַראַן העכערע פון מיר פרובט זיך דאָרטען.

מילא, אַז מען הויבט אָן, מוז מען ענדיגען, לאָזען מיר זיך צום סאַמע מיניסטער. זאָגט אונז דער טשינאָווניק ווייטער:

— „יעוואָ פרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ זאַניאַטי״. זאָגט דער באַראָן:

— זאָגט איהם, אַז דער באַראָן וואַרט.

פערשטעהט איהר דאָך, אַז אין אַ מינוט אַרום איז ער אַרויס צו אונז, געוויטעט זיך מיט׳ן באַראָן פאַר די הענד: „קאַק פאָזשיוואַיעטע״? אַ שמחה!...

— אָט דאָס איז מײַן פֿעטער — שטעלט מיך פֿאָר דער באַראָן—אייגענטליך, איז ער מײַנער אַ שוועסטער-קינד, נאָר איך רוף איהם „פֿעטער".

— נו, נו, וואָס-זשע איז געװען דער סוף—ווײַל דער עולם וויסען וואָס גיכער.

— מילא, וואָס זאָל איך אײַך דאָ אַ סך ברײַען — גלעט שאול-בער די באָרד מיט אַ מאָדנע הנאה, — ס'האָט זיך אָנגע-הויבען צווישען זיי אַ דינגעניס אַ רעדערײַ: ער קען נישט — זאָגט ער, די מאָנאַרכיסטען וועלען נישט שווײַגען, ער אַלײן איז אַדרבא ואדרבא, נאָר ער קען נישט: מען בלאָזט זיך אויף איהם אַזוי אויך אין די ספֿערען, הכלל, ער קען נישט!

— און גאָרנישט אויסגעפֿיהרט?

— וואַרט-זשע, איך זעה דער באַראָן הויבט אָן נאָכגעבען, גיעב איך איהם אַ ציה פֿאַר'ן אַרבעל: לאָז נישט אָב!

— איהר מוזט עס טהון מיר צוליעב! — זאָגט ער צום מיניסטער.

זעה איך דער מיניסטער קווײַנקעלט זיך, וואַרף איך אַרײַן:

— וואַשע פּרעוואָסחאָדיטעלסטוואָ! זײַט מבטל דעם פּריקאַז, און קויפֿט זיך אַ פֿאָלק מיט גוטע פֿרײַנד. ס'וועט אײַך אַ מאָל צוניטץ קומען...

— איך וועל טהון, וואָס איך וועל קענען—מאַכט ער צו אונז, און גיעט אונז די האַנד. דער געשפּרעך, הייסט עס, איז געענדיגט.

— וואָס-זשע איז געוואָרען דער סוף מיט די בעלי-מלאכות?

— באַ הײַנטיגען טאָג אין פּעטערבורג, וואָס פרעגט איהר !

דער עולם שטעהט מיט אָפענע מײַלער, שלינגט יעדעס וואָרט און איז גרייט, א גאנצען טאָג צו שטעהען און העָרען נײַעס פון פּעטערבורג, נאָר שאול-בער וויל לאָזען צו ביסלעך אויף די איבריגע טעג פסח און ער גיעט א זאָג:

— מ'נאַ! מען וועט געהן נאָך הויזע. מײַן פרוי וואַרט אויף מיר געוויס מיט'ן מיטאָג — פאַלט ער מיט אַ מאָל אַרײַן אין דײַטש.

— און ווי לעבט זיך עפּעס דאָרטען אייך גופא? — פרעגט אַ שטאַיגער איינער שוין געהענדיג פון שול.

— נישט צו פערזינדיגען... נישט מעהר, די הוצאות אין פּעטערבורג זענען נישט אויסצוהאלטען. דאַ דאַרף מען זײַן אויף אַ טהע, דאָרטען — אויף אַ וואַרמעס, דאָ בעט מען אייך אויף אַ וועטשערע, צום באַראָן אויף אַ מעניגעס, צום באַנקיר טרעמבאַק אויף אַ מלוה־מלכה — דוקע אַ פרומער ייד — און צו די גרינשטײַנס, און צו די רובינשטײַנס, און צו די בלוישטײַנס . . . הײַנט דאַרף מען דאָך פאַדיערזשעוען זנאַקאָמסטווע מיט זײַערע גדולים — אַזאַ בעקאַנטשאַפט קומט צונוטץ, זאָל זיך וואַלגערען אַ איינער מיניסטער... נישט פאַר זיך חלילה, נאָר פאַרן כלל ישראל, און דאָס אַלץ קאָסט געלד, און נישט וועהניג געלד... אַ ביער-געלד, אַ איזוואָשציק, אַ שווייצאַר, אַ מעשה... נאָר אַז מ'איז אַ ייד און מען וויל עפּיס טהון פאַר יודען, דאַרף קאָסטען געלד, ווי דען... נו, איך ווינשע איהנען אַ גוטען יום-טוב!..

און אַרויפרוקענדיג דעם פּעטערבורגער געשעניקטען צילינדער אויפ'ן שטערען, לאָזט זיך שאול-בער אַהײַם

אַ צופֿריִדענער און אַ גליקליכער, פֿיהלענדיג זיך בעת־מעשה דער באַראָן פֿון באַבאָיני, אויף וועלכען שטעדטעל קוקט מיט מעהר דרך־ארץ, ווי פּעטערבורג קוקט אויף זיין „שוועסטער־קינד", דעם באַראָן פֿון פּעטערבורג.

אַ גוטע עלטער

I.

זײַן גאַנץ לעבען האָט נאַאוּם מירּאָנאָוויטש טרובאַטש אָבגעלעבט אין צרות. דערפאַר אָבער אַנ׳עלטער האָט ער געהאַט אַ גוטע.

ווי נאָר ער האָט צום ערשטען מאָל די אויגען געעפֿענט אויף גאָט׳ס וועלטעל, אַזוי האָט זײַן מאַמע צוגעמאַכט איהרע אויגען אויף אייביג. ער האָט נאָך נישט געקענט אויסרעדען דאָס וואָרט „טאַטע“, איז שוין דער טאַטע אויך אַוועק אויף אַ וועלט, וואָס מען זאָגט, אַז זי איז בעסער פֿון אונזערע.

דאָס גאַנצע געזינדעל—זעקס זייערע זענען זיי געוועזען—איז צווייהט און צושפרייט געוואָרען, ווער אַהין און ווער אַהער. ער אַליין — דאַמאָלס אַ צוויי־יאָהריגער בלאַס־גרינליכער נפש׳ל אויף קרומע פיסלעך און מיט אַ גרויס בײַכעל, איז מגולגל געוואָרען פריהער צו איין מוהמע׳ן, דערנאָך צו דער צווייטער. שפעטער איז איין מוהמע געשטאָרבען, האָט איהם די צווייטע נישט געוואָלט האַלטען: זי איז נישט גוטקע, די נײַע גביר׳טע, זי זאָל

אַליין קענען אויסהאַלטען דעם יתום, נעבעך... האָט ער זיך גע־וואַלגערט אַמאָל אין גאַס, אַמאָל — אין שוהל.

— אַ יתום, נעבעך... — האָט יעדערער געזאָגט. און אַזוי זיך, גלאַט אין דער וועלט אַריין, דערלאַנגט איהם אַ ציה פאַר׳ן אויער, אַ שנעל אין נאָז, אָדער גוטמוטיג אַ נעהם געטהון פאַר׳ן דאַשיק פון זיין גרויסער, געשענקטער היטעל און געגעבען זיי אַ שלעפּ אַראָב איבער די אויגען.

אַ יתום, נעבעך...

ער האָט נאָך נישט צייט געהאַט צו פערשטעהן, ווי גוט ס׳איז איהם אויף דער וועלט, האָט איהם שוין אַ יוד מיט אַ רויטער געגרייזעלטער באָרד, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ צייל געגרייזעלטע פאות, — אַ פּאַק געטהון אין פּאָלע און אַריינגע־וואָרפען אין אַ גרויסער בויד, וואו עס זענען שוין געלעגען אויפגעוויקעלט אין אַיין קנויל נאָך אַ האַלבע טוץ אַזעלכע שעפּע־לעך, ווי ער, און מען האָט איהם, איבער ווייטע און שלעכטע וועגען, אַוועקגעפיהרט העט וויט, וויט פון דעם שטעדטעל, וואו ער איז געבוירען געוואָרען.

דערנאָך זענען אָנגעשטאַנען שרעקליכע קאַנטאָניסטען־יאָהרען מיט שמיץ, יסורים און שמד־צוואַנג; לאַנגע און שווערע יאָהרען פון „דיִסטוויטעלנע סלוזשבע״ מיט דער אייזערנער דיס־ציפּלין, גרויען קאַזאַרמע־לעבען און ווייטע פּאָחאָדען!...

איז לייט האָבען חאָטש צום שלים־מזל געהאַט: האָבען געבראַכט געלד פון די פּאָחאָדען, טייערע חפצים פון די ווייטע, פרעמדע לענדער, און אַז זיי זענען אַרויס פון סלוזשבע, האָבען זיי גענומען פּאָדריאַדען, געהאַלטען דעם אָטקופּ, און זענען רייך

געוואָרען. אָט ווי לאַזאַר אָסיפּאָוויטש גראַנער, דער גבאי פון דער סקאָבעליאָווער שוהלכעל. געווען מיט איהם אין איין ראָטע, און איצט פערמאָגט ער אַ „דאָם" — אַ גאַנצען קוואַרטאַל פער־נעהמט ער; איז אַ „פּאָטשטענער" מענש, גבאי, אַ פּאָפּעטשיטעל אין תלמוד־תורה...

ער אָבער האָט קיינמאָל קיין מזל נישט געהאַט: נישט אין סלוזשבע, נישט נאָך סלוזשבע. פון סעוואַסטאָפּאָל האָט ער גע־בראַכט אַ קאָנטוזיע אין אַנ'אָרט, וואָס ס'איז גאַר מיאוס אויסצו־זאָגען, און ביי פלעוונע האָט ער געלאָזען דאָס רעכטע אויג און צוויי ריפּען. אין זאַפּאַס איז ער אַרויס מיט אַ פוס, וואָס האָט זיך איהם נאָכגעשלעפּט, ווי אַנ'איינגעבעטענער און מיט אַנ'אויג, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו טרעהרען נאָך איהר פערלאָרע־נער חבר'טע.

מיט אַזאַ קאַפּיטאַל האָט ער קיין גרויסער אויסקלייבער אין שדוכים נישט געקענט זיין. האָט ער טאַקי חתונה געהאַט מיט אַנ'אַלטער געשטופּעלטער דיענסט־מויד, וואָס אין יעדער לאָך אויף איהר פנים, האָט זיך גאַנץ בעקוועם געקענט צולעגען אַ פיינער אַרבעס, און וואָס האָט פערמאָגט אַ פערריסען נעזעל מיט ברייטע נאָזלעכער, דורך וועלכע מען האָט פריי געקענט זעהען, וואָס ס'טהוט זיך אונטער איהר שמאָלען, פּלאַטשיגען שטערען.

אָבער אויף די דאָזיגע געקריוודעטע פון דער נאַטור, האָט זיך אַרומגעזעהען, אַז נישט אַלע מאָל איז בעסער צו זיין זאָל־בענאַנד, ווי צו זיצען אַליין, און, איינמאָל, אין אַנ'אָסיענדיגען פריהמאָרגען נעהמט זי און פּעקעלט זיך אַריבער אַהין, וואו שענע און רייכע שטעהען ביים טהיר, און מיאוס'ע און אָרימע פער־נעהמען דעם סאַמע אויבען־אָן און, דער עיקר, וואו מען דאַרף

ניִשט דאָס גאַנצע לעבען דיענען בײַ פרעמדע לײַט און אויסהאַל-
טען אַ קאַליקען און האַלב-בליִנדען מאַן.

מעהר קײן בעלנים האָבען זיך שוין אויף איהם דערנאָך
ניִשט געפונען.

און נאַאום מיִראַנאָװיטש איז געבליבען אויף דער װעלט
עלענד, װי אַ שטײן. ניִט קײן װײַב, ניִט קײן קינד; פון זײַנע
ברידער און שװעסטער האָט ער ניִשט געהערט, זינט ער איז
איז אָבגעריסען געװאָרען פון דערהײם און ער האָט שוין אפיִלו
זײערע נעמען פערגעסען... געלעבט האָט ער דערפון, װאָס ער
איז געװען אַנ'אונטער-שמש אין סקאָבעליאָװער שוהל'כעל, אין
װעלכען שוהל'כעל, אין װעלכער לאַזאַר אָסיפּאָװיטש, זײַן „טאָ-
װאַריִשטש פאָ סלוזשבע" איז געװען גבאי.

אַזוי האָט ער אָפּגעלעבט ביז 70 יאָהר.

דערפאַר אָבער, אַז ער האָט אַריבערגעשפּרײַזט די זיבעציִגער,
האָט זיך מיט אַ מאָל פאַר איהם געעפענט אַ נײַע װעלט.

II.

איינמאל, שבת-צו-נאכט, נאך מעריב, ווען מעהר ווי ער און לאזאר אסיפאוויטש זענען אין שוהל'כעל נישט פערבליבען, רופט איהם יענער צו צו זיך און זאגט:

— זאג נאר, מיראניטש, דו וואלסט געוואלט פערדיענען א קאטערינקע?

מיינט נאאום מיראניטש, אז לאזאר אסיפאוויטש טרייבט מיט איהם שפאס, הויבט ער אן לאכען מיט יענעם דראבנעם געלעכטערעל, מיט וועלכען אנ'ארימאן לאכט אין דער געגענווארט פון א גביר, און ענטפערט צוריק מיט א קאטאוועסעל:

— טשטא זנאטשיט, נישט וועלען א הונדערטער פערדיענען? איך וואלט זיך דאזשע פון צוויי אויך נישט אטקאזעט, חע, חע!

— די שוטקעס דיינע אסטאווע אויף אנ'אנדערש מאל — האט זיך לאזאר אסיפאוויטש א קליינעם בייזער געטהון אויף איהם, — איך פראווע דא מיט דיר קיין שוטקעס ניט. איך מיין דאס סעריאזנע, פאניאל?

גיט טרובאַטש אַ קוק אויף גראַגער'ן, און זעהט, אַז ער טרייבט טאַקי מיט איהם קיין קאַטאָוועס נישט, — האָט ער גאָר פערלאָרען דעם לשון פון שמחה.

אַ הונדערטער! אַ גאַנצע הונדערטער! אַ צעהן רובל'דיגע האָט ער שוין אַמאָל אַליין געהאַט; אַ פינף־און־צוואַנציגער האָט איהם זיין דאָבע ע"ה, געגעבען צוהאַלטען אין דעם טאָג פון זייער חתונה; אַפילו אַ פופציגער האָט ער שוין געהאַלטען אין זיינע הענד: דאָס איז געווען אין יענעם ערב־יום־כפור, ווען לאַזאַר אָסיפאָוויטש איז געקומען אין שוהל און האָט זיך אַרומגעזעהען, אַז ער האָט נישט קיין קליינגעלד צו לעגען אויף די קערות האָט ער איהם געשיקט אָבבייטען אַ פופציגער. אָבער אַ הונדערטער, אַ גאַנצע הונדערטער — דאָס האָט ער נאָך קיינמאָל אין די אויגען נישט געזעהען! און צייטענווייז פלעגט איהם איינפאַלען, אַז דאָס איז נישט מעהר, ווי אַ בעריהמטע, אַן'אויסגעטראַכטע זאַך. אין דער אמת'ען אָבער זענען גאָר קיין גאַנצע הונדערטער אויף דער וועלט נישטאָ... און מיט אַמאָל זאָגט מען איהם דאָ, אַז ער קען אין איין קלאַפ פערדינען אַ גאַנצע הונדערטער! אַ קלייניגקייט, "וואָס מען קען אַלץ אויפטהון פאַר אַ הונדערטער! ער האָט גאָר מורא צו קלערען וועגען דעם, דער מוח קעהרט זיך איהם איבער...

און זיין איין־איינציגע אויגעל האָט זיך אָנגעצונדען, ווי אַ ליכטעל. און האָט גענומען געהן, ווי אַ ראָד, אַרום און אַרום, אומלויפען געשווינד, געשווינד איבער ווענד און סופיט, איבער'ן אָרון־קודש און הענג־לייכטער, איבער גראַגער'ן און האַנד־פאַס, און ווידער אַמאָל איבער'ן הענג־לייכטער, סטענדערס און בענקלעך:

אַ הונדערטער!! אַ גאַנצע הונדערטער!!!

נאָר מיט אַמאָל איז דאָס אויגעל אויסגעלאָשען געוואָרען, העל אויפגעפלאַקערט און אויסגעלאָשען געוואָרען, ווי אַ ליכטעל, וואָס פלאַקערט אויף פון אַ שטאַרקען בלאָז פון ווינד און ווערט גלייך נאָכדעם פערלאָשען.

— „אומזיסט גיט מען נישט קיין הונדערטער“—איז איהם איינגעפאַלען.

ווער ווייס, וואָס לאַזאַר אָסיפּאָוויטש וועט פון איהם פערלאַנגען פאַר דעם הונדערטער? אפשר וועט ער איהם הייסען אונטערצינדען זיין סקלאַד, ער זאָל אָבנעהמען סטראַחאָווקע — עס טרעפען אַזעלכע זאַכען — צו מסר'ן זיין קאָנקורענט נאַחמאַנאָוויטש'ען, צי עמיצען עפּיס אונטערוואַרפען, צי זאָגען פאַלש עדות — ער ווייס, וואָס מען קען אַלץ הייסען אָבטהון פאַר אַ הונדערטער!...

— נו, וואָס שווייגסטו? — האָט לאַזאַר אָסיפּאָוויטש מיט גביר'ישער ברייטקייט איבערגעריסען זיינע צופלאָנטערטע, אונרוהיגע געדאַנקען.

— וואָס זאָל איך זאָגען? — האָט טרובאַטש נאָך אַלץ אַ צוטומעלטער שוואַך געענטפערט, — ווער וויל דאָס נישט פערדיענען אַ הונדערטער? ניע טאָ שטאָ אַזאַ אָרימאַן ווי איך, נאָר ראַזשע אַ מיליאָנער, אי טאָ וועט זיך ניט אָטקאַזען פון אַ הונדערטער. אָבער דאָס זאַוויסעט קאַקים פוטיאָם, צי, זנאַטשיט, טשעסטנע פערדיענען, צי...

— פאַר וועמען פרינימאַיעסטו מיך, אַ? — האָט איהם לאַזאַר אָסיפּאָוויטש מיט כעס איבערגעריסען, — וואָס מיינסטו, אַז איך'ל דיר פּרעדלאַגאַיען, צו סאָווערשאַיען עפּעס אַ פּרעסטופּ-

לעגיע, צי עפעס א פראַטיוואָזאַקאָנע זאך אָבטהון, שטאָ לי?

— באָזשע אופּאַסי! — האָט זיך טרובאַטש צוריק גע-חאפט, — איך סמייע דאָס דאַזשע ניט צו קלערהרען, לאַזאַר אָסיפאָוויטש, נאר כ׳וואלט, וואָבשצע, געוואָלט וויסען, וואָס דארף איך, נאַפּרימער טהון, איך זאל פערדינען די הונדערטער?

— דאַרפסט טהון, נאַאום מיראָניטש, א פּוסטיאַק: חתונה האָבען.

דאָס איינציגע אויגעל האָט ווידער אויפגעפלאַקערט און גענומען שפּילען מיט אַלע קאָלירען פון רעגענבויגען. אין איהר האָט זיך געלויכטען אי פרייד, אי וואונדער, אי נייגיעריגקייט.

— חתונה האָבען—האָט ער פערוואונדערט געפרעגט,— שטאָ זנאטשיט חתונה האָבען?

—אַ אָטשען פראָסטאָ: נעהמען און חתונה האָבען, אָבוועגט-שאַיען זיך מיט א זשענציגע, וואָט אי וסיאָ!

— און מען וועט מיר נאך דערפאַר געבען, וו׳פּריראַטשו, א הונדערטער?—האָט זיך איהם נישט געגלויבט, — וו׳ראָדיע פרי-דאַנאַוואָ, נאַרען, שטאָ-לי?

— א גאַנצע סאָטניע, א קנאַקענדיגע.

— און וואָס איז דאָס פאַר א ליטשנאַסט, חער איז זי, א רעוויצע, צי אַנ׳אַלמנה?

— א וודאָווא.

— עפּעס א פּאַריאַדאָטשנע? — האָט טרובאַטש געוואָלט וויסען געניער.

— נו, דאָס איז שוין ניט דיין דיעלאָ—האָט איהם גראַגער איבערגעהאַקט.

— קאַק=טאַק, נישט מײַן דיעלאָ? ראַז איך געה מיט איהר חתונה האָבען...

— אַ טאַק! זי דאָך סײַ=ווי=סײַ דײַן ווײַב ניט זײַן.

— טאָ יעסט? וואָס מײַנט איהר, לאַזאַר אָסיפּאָוויטש, אַז איך בין שוין אַזאַ סטאַריק, וואָס...

— אַך דו טשוטשעלאָ גאָראָחאָוואָיע! — האָט זיך גראַגער ברייט צולאַכט, — וואָס דו געמײנט איך סוואַטע דיר נאַ סאַמאָם דיעליע אַ כלה? אַ נאַסטאָיאַשצע כלה, דיר?! אָח, חאָ=חאָ! איך שטאַרב פון געלעכטער! נאַאום מיראָניטש טרובאַטש וויל חתונה האָבען! אוי איך פּלאַץ... אָח, אָח! — האָט ער קוים געחאַפּט דעם אָטעם פון לאַכען און קײַכען צוזאַמען.

טרובאַטש איז געבליבען שטעהן, ווי מען וואָלט איהם אומגעריכט אָבגעגאָסען מיט קאַלטע וואַסער.

דאָס אויגעל איז ווידער אַמאָל אויסגעלאָשען געוואָרען, און האָט איצט געקוקט אומעטיגער און עלענדער, ווי שטענדיג.

— שטאָ זנאַטשיט? איהר'ט דאָך אַליין געזאָגט חתונה האָבען? — האָט ער גאָר אַ צוטומעלטער און אַ פערלאָרענער געשטאַמעלט.

— טשודאַק טשעלאָוועק! מען רעדט דאָך מיט דיר פון אַ פיקטיוונעם בראַק.

און בערוהיגענדיג זיך אַ ביסעל פון דעם הוסט, וואָס האָט איהם געשטיקט נאָכ'ן לאַכען, — האָט ער איהם ערקלערט:

— די דיעלאָ, ווידיש לי, איז אָט אַ וועלכע: דו'סט דאָך געקענט מײַן בוכהאַלטער איצקאָוויטש, איסאַק אַבראַמאָוויטש'ען? דו ווייסט דאָך, מינעסטאַמע, אַז ער האָט דאָ געוואָהנט קאַק מײַן פּריקאַזטשיק. נו, וואָט, אַז ער איז איצט געשטאָרבען, האָט דאָך

זײַן ווײַב, די ווראָווע, זנאַטשיט, קײן פּראַוואָזשיטעלסטוואָ נישט. אי וואָט, זנאַטשיט, פֿרעדלאַגאַיע איך דיר, דו זאָלסט זיך מיט איהר אָבוועכטשאַיען און דערנאָך, פּאָניאַטנאָ, אַרויסגעבען איהר אַבעזונדער וויד נאַ זשיטעלסטוואָ, אַ בעזונדער פּאַספּאָרט, זנאַטשיט, זי זאָל זײַן סאָווערשענאָ ניעזאַוויסימע פֿון דיר, אי באָלשע ניקאַקיך! מעהר דו איהר און זי דיר אין די אויגען נישט אָנזעהען. פּאָטאָמו, ראַז איז זי אַ ניקאָלאַיעווסקין סאָלדאַט׳ס אַ ווײַב, האָט זי פּראַוואָזשיטעלסטוואָ דאַזשע נאָך זײַן טויט. נו, פּאָנימאַיעסטו שוין איצט וואָס איך וויל?

איצט איז נאַאום מיראָניטש׳ן אַלץ קלאָר געוואָרען.

אָהאָ, צי פֿערשטעהט ער! ער ווײס גאַנץ גוט, צוליעב וואָס לאַזאַר אָסיפּאָוויטש איז מיט אַמאָל געוואָרען אַזאַ גוטער און חלאָפּאָטשעט פֿאַר דער יונגער אַלמנה. מען שמועסט שוין לאַנג אין שוהל׳כעל, אַז ער איז אַ צו־נאָהנטער מחותן מיט זײַן בוכהאַלטערס ווײַב, און ס׳איז אַ סברה, אַז איצקאָוויטש איז פֿאַר דער צײַט פֿון דער וועלט אַוועק איבער זײַן בעל־הבית׳ס געשעפֿטלעך מיט זײַן ווײַב. איצט האָט ער מורא, מען זאָל זי נישט אַרויסשיקען, סטאַרעט ער זיך מאַכען איהר פּראַוואָזשיטעלסטוואָ, כּדי זי זאָל בלײַבען נעבען איהם.

— נו, טשטאָ־זש, דאָס איז אויך אַ עסק—האָט ער געזאָגט.

— דאַ, אַנ׳אַרבײַט ניט קײן שווערע, און דו פּאָלוטשעסט אַ נײַענקע, חרוסצענדיגע קאַטערינקע!

— נו, גוט, איך בין סאָגלאַסנע.

— לאַדנאָ גיב מיר דײַנע דאָקומענטען, און אַז די פֿאָרמאַלנאָסטען וועלען זײַן פֿאַרטיג, וועל איך דיך שיקען רופֿען.

— חאָראָשאָ.

III

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען נאַאום מיראָניטש'ן געשיקט רופען צום ראַבינער.

דאָרטען האָט שוין אויף איהם געוואַרט אַ יונגע שענע ווייבעל מיט אַ הויכען בוזעם, מיט אַ טורם פון בלאָנדע האָהר אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ פּאָר בלויע לאַכענדיגע אויגען. מיט איהר זענען געוועזען צוויי עדות: לאַזאַר אָסיפּאָוויטש און זיין פּריקאַזטשיק סאָיקע קאַנאַריק.

נאַאום מיראָניטש מיט דער בלאָנדער ווייבעל האָבען אונטערגעשריבען דעם חתונה-אַקט; נאָכדעם האָט דער „חתן" מקדש געוועזען די „כלה". דער ראַבינער האָט זי אייגעשריבען אין דעם מאַנ'ס פּאַספּאָרט, און די אַלמנה חנה איצקאָוויטש איז געוואָרען „מאַדאַם טרובאַטש".

„ניטשעוואָ סעביע אַ ווייבעל—אַ סאָלידנע ווייבעל — האָט טרובאַטש אַ טראַכט געטהון,—ער וויים דער פּראַחוואָסט וואָס גוט איז...—האָט ער זיך בעלעקט, בלישצענדיג מיט זיין איינציג אויגעל...

— קום היינט אין אָוונט צו מיר זיך ראַשצייטאַיען, — האָט איהם לאַזאַר אָסיפּאָוויטש געזאָגט. גענומען דאָס בלאָנדע ווייבעל מיט די בלויע אויגען און איז מיט איהר אַוועקגעפּאָהרען.

אין אָוונט איז נאַאום מיראָניטש געוועזען ביי לאַזאַר אָסיפּאָוויטש'ן.

דאָס מאָל האָט ער איהם נישט געלאָזט וואַרטען א האַלבע שעה אין קאָרידאָר, ווי געוועהנליך. ער האָט איהם גלייך אַריינגערופען אין עס-צימער, געבעטען זיצען און געפרעגט, צי וויל ער נישט מאַכען א שנאַפּס...

— נו, מיראָניטש, דו ווילסט דאָך, קאָנעטשנאָ, פּאָלוטשען די קאַטערינקע, טאַק שרייב אָן א פּראָשעניע, מען זאָל איהר אַרויסגעבען א בעזונדער וויד נאַזשיטעלסטוואָ, און ווי נאַר זי פּאָלוטשעט איהר פּאַספּאָרט, אַזוי צאָהל איך דיר אויס די הונדערטער. כ'האָב א וואַטנע פּאַלטאָ נאָך גאָר א גוטע — וועל איך דיר אויך אַוועקשענקען. פּאָלזועש זיך מיט מיין גוטסקייט, באָג ס'טאָבאָי...

נאַאום מיראָניטש האָט נישט געאיילט אָפּגעטרונקען א האַלבע גלעזעל, אָפּגעווישט די וואָנסען און געלאַסען געזאָגט:

— מיר האָבען נאָך דאָסטאַטאָטשנע צייט.

— מיט'ן געלד מיינסטו? נו, לאַדנאָ, אויב דו ווילסט דאָס געלד זאָל גאַנץ זיין, קאָנסטו האַלטען די הונדערט רובל ביי

מיר... דײַן פּראָצענט װעל איך דיר אויסצאָהלען צו דער צײַט, קאָנסט זײַן ספּאָקאָינע.

— נײַן, כ'מײַן, איך האָב זיך נישט װאָס צו אײַלען מיט דעם פּאַספּאָרט פאַר מײַן װײַב—האָט טרובאַטש, אויסטרינקענדיג די צװײטע העלפט, בעטאָנט די װערטער „מײַן װײַב".

און דאָס אויגעל זײַנע האָט אָנגעהויבען צו פינקלען מעהר פון דער הנאה, װאָס ער האָט געהאַט אָנרופענדיג דאָס װײַבעל „מײַן װײַב", װי פון דאָס אויסגעטרונקענע בראַנפען.

— ע, טשטאָ?!—האָט זיך לאַזאַר אָסיפּאָװיטש אַ כאַפּ געטהון—װאָסטו געזאָגט? שטאָ זנאַטשיט, דו האָסט נאָך צײַט?

— אָטשען פּראָסטאָ: איך דאַרף נאָך אָבדומעװען, צי זאָל איך געבען מײַן װײַב אַ בעזונדער פּאַספּאָרט—איז טרובאַטש געבליבען קאַלט—פּאָטאָמו, ס'איז פאַר איהר אַ לישניע זאַך.

— קאַק טאַק אַ לישניע זאַך? װאָס איז דאָס פאַר אַ ראַזגאָװאָר?—האָט גראַגער אָנגעהויבען פערלירען זײַן געדולד.

— דאָס זנאַטשיט, אַז איך װיל בעסער װאָהנען מיט איהר אינאײנעם.

לאַזאַר אָסיפּאָװיטש האָט זיך האַסטיג אויפגעשטעלט אין זײַן גאַנצער לענג, אויסגעשטעלט אויף טרובאַטש'ן אַ פּאָר גלעזערנע אויגען און עטליכע מאָל אויפגעעפענט און פערמאַכט דאָס מויל, װי ער װאָלט געװאָלט עפּעס זאָגען און ניט געקאָנט.

— װאָס איז דאָס פאַר אַ שוטקעס?! מיט װעמען שוטיעסטו, האַ?! — איז ער קוים געקומען צו זיך פון איבערראַשונג.

— איך פּראָבוע נישט קײן שוטקעס... איך מײן דאָס בעז שוט...

— וואָס ביזטו אָשאַלעיעט געוואָרען, צי משוגע?! — האָט לאַזאַר אָסיפּאָוויטש אויף איהם אַ ריטשע געטהון, — אַך דו קאַליקער טשאָרט! דו בלינדע קאַץ! סאָפּליאַק טי עטאַקי! טוראַ־זשע! ער אויך „וואָהנען מיט איהר אינאַיינעם“. פּאָגליאַדי־קאַ אויף דעם זשענאַטען טשעלאָוויעק! מען קען פּלאַצען פון געלעכטער, פּראַוואָ סלאָוואָ!..

אָבער וואָס מעהר לאַזאַר אָסיפּאָוויטש האָט זיך געקאָכט, אַלץ מעהר האָט זיך נאַאום מיראָניטש'ן געוואָלט דאָס ווייבעל פאַר זיך און אַלץ קאַלטבלוטיגער איז ער געוואָרען. ער האָט זיך אַליין געוואונדערט, ווי קומט צו איהם אַזאַ דרייסטיגקייט.

— וואָס איז, אַ בראַקאָוונע ווייבעל, שטאָ־לי? פאַר וואָס נישט האַלטען זי פאַר זיך? איך זעה, זי איז דאַזשע דעם גבאַי געפעלען, מעג זי דעם אונטער־שמש אַוודאַי געפעלען.

— זאָלסט מיר אַוועקוואַרפען די סאָבאַטשע שטוקעס, דו הערסט, צי ניין?! — האָט איהם לאַזאַר אָסיפּאָוויטש מתרה געווען — וואָרום איך וועל דיך אוניטשטאָזשען, ווי אַ טשערוויאַק!

— אָדנאַקאָ, איז דער זאַקאָן אויף מיין זייט — האָט איהם טרובאַטש דערמאָהנט, — מיין זאַקאָנע ווייב, האָב איך פּראַוואָ אַרויסצוטרעבעווען זי צו מיר דאַזשע דורך פּאָליציע, ניע טאַק־לי, לאַזאַר אָסיפּאָוויטש? דו דאַרפסט דאָך וויסען זאַקאָנעס...

דערזעהען, אַז נאַאום מיראָניטש טרייבט קיין קאַטאָוועס נישט, האָט לאַזאַר אָסיפּאָוויטש געמיינט, אַז ער וויל פון איהם אַרויסקוועטשען נאָך עטליכע רובל און, אַנ'אויפגערעגטער פון דער שנאָרערשער חוצפּה, האָט ער אַ ברוגז'ער געזאָגט.

— איז וואָס־זשע ווילסטו, פּראָחוואָסט דו איינער, נאָך אַ פינף־און־צוואַנציגער? נאַ דיר נאָך אַ פינף־און צוואַנציגער,

טשאָרט ס'טאָבאָי! נאָר, פּאָגאָדי, איכ'ל זיך מיט דיר ראַזסציטאַיען! דײַן דוך וועט אין שוהל נישט זײַן, דו באָסיאַק!...

גראַגער'ס השערה האָט טרובאַטשין אַרײַנגעגעבען דעם געדאַנק, אַז אֶפשר איז טאַקי גלײַכער אַראָבצוזײַסען בײַ דעם עסק אַ רעכטע מטבע. „דאָס ווײַבעל וועט ער סײַ־ווי־סײַ ניט אוסטופּאַיען" — האָט ער בעשלאָסען, — נאָר אַרויסווײַזען, אַז ער מײנט געלד, האָט ער זיך ניט געאײַלט.

— ניעט, וואָסערע פּינף־און־צוואַנציגער? איך וויל נישט קײן פּינף־און־צוואַנציגער, דאַזשע קײן פופציגער, כ'וויל דאָס חײַבעל, אי באָלשע ניטשעוואָ...

— צי ביזטו נאַ סאַמאָם דיעליע משוגע, שטאָ־לי?

— ראַזווע, אַז ס'געפּעלט עמיצען אַ ווײַבעל, איז ער משוגע? — האָט זיך טרובאַטש געמאַכט תמ'עוואַטע.

בקיצור, דעם אָוועֶנד זון נאָך אַנ'אָוועֶנד האָט גראַגער מיט איהם אַרײַנגע'טענה'ט אי מיט גוטען, אי מיט בײזען, געסטראַשעט, געחאַפּט זיך שלאָגען, — אָבער ער האָט גאָרנישט אויסגעפיהרט. טרובאַטש איז געבליבען בײַ דאָס זײַניגע: דאָס ווײַבעל איז איהם בעסער געפעלען, ווי דער נדן.

ס'איז אַוועק אַ וואָך, לאַזאַר אָסיפּאָוויטש איז פון הויט געשפּרונגען, אָבער דער מאַן האָט זיך אַלץ פון זײַן ווײַב נישט געוואָלט אָבזאָגען.

אויסגעגלײַכט האָבען זיי מענשען: לאַזאַר אָסיפּאָוויטש האָט אויסגעצאָהלט נאַאום מיראָניטש'ן פּינף מאות מזומנים און אונטערגעשריבען אַ כתב, אַז כל־זמן טרובאַטש לעבט, בלײַבט ער „סטאַרשי שמש" אין סקאָבעליאָוועער שוהל'כעל מיט אַ שכירות פון פיער רובל אַ וואָך, אַחוץ וואָס ס'וועט איהם מאַכען פון

בּעלי־בּתּים. און נאָאום מיראָניטש האָט דערפֿאַר אַרויסגעגעבּען זיין בּלאָנדער ווייבּעל אַ בּעזונדער פּאַספּאָרט און אונטערגעשרי־בּען אַ פּאַפּיער, אַז ער וועט זי קיינמאָל נישט בּעאונרוהיגען.

פֿון דאַמאַלס אָן האָט ער געלעבּט אַ רוהיגע און פֿערזי־כערטע עלטער.

דער שמד ספּעציאַליסט

I.

אויפשטעהענדיג איין פריהמארגען, האט אוסיי זייטשיק בעשלאסען:

— באסטא! גענוג צו מוטשען זיך. אב׳שמד׳ען זיך אי דיעלו קאניעץ!

— און אז מען וועט מיך שוין אבשפריצען מיט אביסעל וואסער און איינשרייבען אין פאספארט „פראוואסלאווני" וועל איך דורכדעם ווערען אנ׳אנדערער, וואס?..

ער זעהט „וואבשצע" נישט צו וואס ער זאל זיך איבער אזא „יערונדא" מוטשען... ס׳איז דאך מעהר נישט ווי א פראגע פון „פארמאלנאסטען"—איבערבייטען די פאפירען — און צוליעב אזא נארישקייט אבמוטשען זיך א גאנץ לעבען, נישט נעכטיגען, וואו מען טאגט, נישט קענען פריסטראיען זיך ווי ס׳געהערט צו זיין—דאס וויל ער נישט!

אט האט זיך מישקא רובינשטיק „איינגעארדענט" ערשט מיט צוויי יאהר צוריק, און פערנעהמט שוין איצט איינע פון די

בעסטע שטעלעס בײַ מיטראָפּאַנאָװין; פעדיאַ בעלינקי איז אַ גאַנצער מאָלער בײַ חאַריטאָנאָװין; און זאַק, און דלוגאַטש און אַבראַשאַ עבערמאַן — אַלע פּריסטראָיעט זיך אין פערװאַקלאַסנע פירמעס.

װאָס הײַסט, האָב נאָר פּראָװעס, איז אַ דאגה צו פּריסטראָיען זיך אין מאָסקװע? יודישע פירמעס נעהמען אויך גערען צו אַנ'„אײַנגעאָרדענטען". מיט אַ „אײַנגעאָרדענטען" האָט מען װעניגער בלאָפאָט: מען האָט קײן מורא נישט, אַז מען װעט איהם פּונקט אין מיטן סעזאָן אַרױסשיקען. מען קען איהם שיקען אין װאָיאַזש, מען װײס, אַז מען האָט צו טהון מיט אַ ראַיעלען מענשען... נאָר ער אײנער מוטשעט זיך און קען זיך נישט פּריסטראָיען.

„און פרעג װאָס? — האָט ער מיט זיך אַלײן נישט אײן מאָל אײַנגעטענה'ט,—קאַקאָװע טשאָרטאַ דאַרף איך לײַדען מעהר פון אַלעמען?..

נאָר כל זמן מען האָט איהם נישט שטאַרק צוגעדריקט, האָט ער זיך אַלץ נישט „אויסגעקליבען" „אײַנצואָרדענען זיך". די לעצטע צײַט אָבער װען מען האָט זיך שטאַרק גענומען בודק זײַן אין שטאָדט,—האָט ער פּעסט בעשלאָסען צו „מאַכען אַ סוף".

און אויסזוכענדיג אַ גלח, האָט ער גענומען גרײַטען זיך צום „אײַנאָרדענען זיך".

קײן סך האָט מען פון איהם נישט געפאָדערט. ער האָט נאָר געדאַרפט װיסען אַ ביסעל פון קאַטעחיזיס און אויסװעניג די צװײ הויפּט־מאָליטװעס: „װיערױו" און „אָטשע נאַש".

אָבער אויך דאָס ביסעל, איז איהם נישט גרינג אָנגעקומען.

עפּעס האָט זיך נישט געחזר'ט.

ניט ווײַל ער איז געווען שטאַרק אונרוהיג פֿון דער זאַך, וואָס ער האָט זיך געקליבען אָבטהון, אָדער ער האָט זיך געשעמט דערמיט — דאָס דוקא נישט. פֿון קלײַנווײַז אויף אין אַ רוסישער שטאָדט און ערצויגען אין אַ מאַנופֿאַקטור־סקלאַד, — איז ער פשוט געווען אַ מאָסקווער פּריקאַזטשיק און ווײַטער גאָר־נישט. זײַן בילדונג איז פֿריהער בעשטאַנען פֿון גוט פֿונאַנדער־וויקלען און אויפֿוויקלען אַ שטיקעל סחורה, און איצט—אין קענען טרינקען מיט סוחרים אַ סך בראַנפֿען, און דערצעהלען פּעפּער־דיגע אַנעקדאָטען. מיט יודישקײַט איז ער בכלל געווען אַ קלײַנער מחותן.

אָבער גראָד איצט, ווען ער האָט גענדאַרפֿט אויסלערנען די נײַע תּפילות, — האָט ער זיך דערמאָהנט אָן דאָס גאַנצע ביסעל אַלטע תורה, וואָס ער האָט אין זײַן קינדהײַט געלערענט.

ווי נור ער פֿלעגט נעהמען אויסחזר'ן די מאָליטווע: „וויערוויו", אַזוי פֿלעגט ער זיך ווי אויף צו להכעיס דערמאָהנען אָן „אני מאמין", וואָס ער האָט אפשר דרײַ מאָל אין זײַן לעבען געזאָגט נאָכ'ן דאַווענען; ער פֿלעגט קוקען אין מאָליטווענניק אויף די שורות פֿון „אָטשע נאַש" און איהם איז געקראָכען אין די אויגען „מודה אני לפניך"... אין מיטען דערינען הויבען זיך איהם גאָר אָן באָמלען אין קאָפּ עפּיס אַ „בריך רחמנא מלכא דעלמא מארי דהאי פיתא" און נאָך אַזעלכע האַרטע, אונבעקאַנטע ווער־טער וואָס ער ווײס אַלײן נישט פֿון וואַנען זיי האָבען זיך צו איהם גענומען, און וואו און ווען ער האָט זיי געהערט.

— אָט אַ נאַקאַזאַניע! — האָט זײַטשיק'ן פֿערדראָסען, — גראָד ווען דו דאַרפֿסט נישט קריכט דיר אין קאָפּ יעדער

„יערונדיסטיקע”, וואָס איז דיר קיינמאָל, אפילו אין פיאַטע ניט געלעגען...

אָבער די דאָזיגע ביסעל „לומדות”, וואָס דער רבי האָט אין איהם מיט פינף־און־צוואַנציג יאָהר צוריק אַריינגעצימבעלט מיט׳ן קאַנטשיק, האָבען דאָך נישט געקענט אָבשוואַכען זיין פּעם־טען בעשלום „איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָב׳פּטר׳ן אַנ׳עסק” . האָט ער צוגעהאָרעוועט נאָך אַביסעל, נאָך אַ נאַכט צוגעזעסען, און אין צוויי וואָכען צייט איז ער שוין געווען פאַרטיג מיט דער שטיקעל אַרבייט .

II.

די לעצטע נאכט פאר'ן שמד האט זייטשיק נישט געקענט איינשלאפען. ס'האט זיך איהם געוואלט וואס גיכער אפ'פטר'ן די צערעמאניע... „אראב פון מארק און איז גאר!"...

— ופראטשעם, ס'איז פוסטיאקי... נישטא זיך וואס צו שרעקען — האט ער זיך אליין בערוהיגט, — איידער וואס ווען דארף מען אקארשט א שלאף טהון".

ס'האט זיך אבער נישט געשלאפען.

— „אפשר גאר ארוים אביסעל אויף דער פרישער לופט"?— האט ער א טראכט געטהון, — שלאפען וועל איך שוין סיי־ווי־סיי נישט, וועל איך בעסער א שפאציער טהון א פאר שעה אויפ'ן בולוואר, און פון דארט וועל איך א זייגער 9 גלייך געהן אפ־ פטר'ן דעם עסק...

און אויספוצענדיג זיך ווי א חתן־בחור האט ער אריינגע־ לעגט דעם נייעם „מאליטוועניק" מיט'ן גאלדענעם צלם אויפ'ן לינקען טאוועל, אין קעשענע ארײן און איז ארוים אויפ'ן בולוואר.

עָס איז געװען אַ קװיקענדיגער פֿריהמאָרגען; איינער פֿון יענע פֿריהמאָרגענס, װאָס טרעפֿען אין אָנהויב זומער, װען אַלץ האַלט נאָך אין בליהען און ענטװיקלען זיך. די נאָר-װאָס אױפֿגעגאַנגענע זוהן האָט צוגעזאָגט אַ הייסען טאָג, נאָר דערװייל איז די לופֿט געװען קיהל, ריין און שמעקעדיג. דער שטויב, װאָס װערט בייטאָג אויפֿגעהויבען פֿון די טויזענדער פֿוסגעהער און פֿון די שטיפֿענדיגע קינדער, איז איצט געלעגען צוגעפּרעסט צו דער ערד, פֿייכט פֿון פֿריהמאָרגען-טהוי. אויפֿ׳ן בולװאַר איז געװען שטיל און דרעמלדיג, װי ערגעץ אין אַנ׳אַלטען פּאַרק. װאו-נישט-װאו זענען האַלב-געלעגען און געשלאָפֿען אויף די בייך עלענדע פֿיגורען פֿון באָסיאַקעס און פֿערשפּעטיגטע נאַכט-הוליאַקעס.

ביי׳ם סאַזשעלקע איז געשטאַנען אַ פֿער׳חלומ׳טער סטודענט און געװאָרפֿען ברעקלעך ברויט אין װאַסער אַריין, אויפֿמערקזאַם נאָכקוקענדיג, װי די קליינע פֿישלעך פֿיהרען אָן אַ העפֿטיגען קאַמפּף פֿאַר יעדער ברעקעל. איבער די אַלעען האָבען מיט דראָבנע טריטעלעך לאַנגזאַם שפּאַצירט עלטערע מענשען, ליבהאָבער פֿון פֿאַרטאָגיגען שפּאַציר. דאָס זענען אַלץ אַלטע בעקאַנטע, װאָס בעגעגענען זיך דאָ יעדען פֿריהמאָרגען, װאַרפֿען זיך איבער איינער דעם צװייטען מיט אַ „גוט-מאָרגען״, זענען זיך מכבד מיט אַ שמעק טאַבאַק און געהען זיך װייטער יעדערער זיין װעג.

אויף איינע פֿון די אַלעען, האָט זייטשיק העררזשהען קומענדיג איהם אַנטקעגען אַנ׳אַלטען אידען מיט אַ טלית-זאַק אונטער׳ן אָרעם.

זייטשיק האָט זיך אָבגעשטעלט. ער האָט נאָך פֿון װייטען

דערקענט אין דעם אַלטען ר׳ נטע־בער׳ן — זיין אַמאָליגען רבי, דער איינציגער רבי, וועלכער האָט איהם וועניג געשמיסען און, וועגען וועלכען ער פלעגט זיך דערמאָנען אָהן שנאה.

די לעצטע יאָהרען האָט ר׳ נטע־בער ביסלעכווייז פער־לאָרען זיין קנעלונג. דאָרטען, אין שטעדטעל, וענען אָנגעשטאַ־גען יונגערע, געשיקטערע פון איהם מיט דקדוק און מיט ווייסע מאַנישקעס, איז ער אַרוים פון דער מאָדע. האָט ער זיך מיישב געווען: ער וועט זיך אַוועקלאָזען קיין מאָסקווע. דאָרטען זענען פאַרהאַן אַזויפיעל שטעטדטעלדיגע, אַזוי פיעל געוועזענע תלמידים זיינע, וועלען זיי איהם אַ ודאי נישט פערלאָזען. אַנדערע פון זיי האָבען אודאי קינדער, וואָס דאַרפען אַ רבי...

איז די קינדער צו לערנען האָט איהם קיינער פון זיינע געוועזענע תלמידים נישט געגעבען: אָדער זיי האָבען גאָר קיין יודיש נישט געלע־רענט, אָדער זיי האָבען געלערענט ביי „היינטיגע״, נאָר פערלאָזען האָבען זיי איהם פונדעסטוועגען נישט. אַ ברית, אַז ס׳האָט זיך גע־מאַכט, צי חלילה אַ בר־מינן — אומעטום איז געווען ר׳ נטע־בער: וואו אַ „הרחמן״ זינגען, וואו אַ קאַפּיטעל תהלים, קדיש זאָגען פאַר עמי־צען, משניות לערנען — אַלץ ר׳ נטע־בער. אַנדערע האָבען סתם מהנה געווען איהם פאַר אַ יום־טוב מיט אַ פאָר קערבלעך. זיים־שיק פלעגט איהם אויך אַריינוואַרפען אַמאָל אַ דרייער׳ל.

מיט די אויגען אַראָבגעלאָזען צו דער ערד, האָט דער אַלטער ר׳ נטע־בער געשאַרט מיט זיינע שוואַכע פיס איבער׳ן זאַמד, נישט אַרומקוקענדיג זיך ווער דאָ געהט און וואָס דאָ טהוט זיך אויפ׳ן בולוואַר.

— גוט מאָרגען, רבי, וואוהין איז עס אַזוי פריה? — האָט איהם זיימשיק אָבגעשטעלט.

דער אַלטער האָט אַ ציִמער געטהון פון אומגעריכטקייט. ער האָט שנעל אַ הויב געטהון דעם טרייסלענדיגען קאָפּ, אונרו־היג אַריינגעקוקט זיך מיט זיינע בלינדליכע אויגען, און אויף זיין פנים האָט זיך צוגאָסען אַ גוטער ליעבליכער שמייכעל.

— אַ, אָשר'קע! — האָט ער זיך דערפרעהט — איך זאָג, עפּעס אַ בעקאַנטער קול, ווי קומסטו אַהער אַכטצעהן וואָכען פאַרטאָג?—אַודאי די גאַנצע נאַכט אויף געווען, „תקון שבועות" געזאָגט?—האָט דער אַלטער צוגעגעבען שמייכלענדיג.

— וואָס איז, היינט איז דען שבועות? — האָט זיך זייטשיק פערוואונדערט, ווי מען וואָלט איהם דאָ געזאָגט אַני־אונגעריכטע נייעס...

— פּע, אָשר'קע, שעמען מעגסטו זיך — האָט איהם דער אַלטער געמוסר'ט,—ווי געדיינקט עס נישט אַ יוד ווען דער חג פון מתן תורתנו איז?.. פּע, מיאוס, גאָר חלשות...

— וואָס הייסט כ'האָב נישט געוואוסט? — האָט זייטשיק געשמייכעלט אונטער די וואָנצען אויף דעם רבי'ס תמימות,— באַשר כ'האָב פערגעסען, אַז מען דאַרף די נאַכט אויף זיין... דער קאָפּ איז אַזוי פערדרעהט.

— ניו, ניו—האָט דער אַלטער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ,— האָסט אַ פאַרטיגען תירוץ. דער טאַטע, ע"ה, וואָלט עס גע־הערט, האַ?.. אַ שעהנער יוד געווען, אַ טהייערער יוד, נישטאָ היינטיגע צייטען אַזעלכע יודען, נישטאָ...

— נו, נו, רבי, איך בין נאָך אויך דערווייל קיין משומד נישט... האָט זייטשיק, נישט אָבגעבענדיג זיך קיין רעכענונג אין זיינע ווערטער געזאָגט.

— חלילה, חלילה!—האָט דער אַלטער געמאַכט מיט די

הענד, — ווער זאָגט? איז נישט אָבגעהיט יודישקייט מיט אַלע תנ'ן, אַבי אַ יוד זאָל מען זיין... פאַרט ר' חיים-נחמנ'ס אַ זוהן... נו, האָב מיר אַ גוט'ן יום-טוב! און לאָפּ זיך, פונדעסטוועגען אַמאָל אַריין אין שוהל... פערגעס חאָטש נישט, ווען דו האָסט יאָהרצייט נאָכ'ן טאַטען ע"ה... אַ גוטען יום-טוב!...

— אַ גוטען יום-טוב, רבי.

ר' נטע-בער האָט ווייטער אָוועקגעשאַרט מיט די אַלטע פיס, און זייטשיק איז געבליבען שטעהן אויפ'ן אָרט פערטראַכט:

— שבועות... דער טאַטע...

ווי פיעל יאָהר איז שוין זינט ער האָט זיך מיט זיין טאַטען, עליו השלום, דאָס לעצטע מאָל געזעהן, דאָרטען, אין דאָס קליין שטעדטעלע פון מאָהליווער גובערניע? אָט זעהט ער איהם, ווי ער זיצט אָהן אַ קאַפּאָטע מיט די ברייטע ווייסע העמד-אַרבעל, דורך וועלכע עס זעהען זיך אַרויס די דאַרע, האָריגע הענד מיט דעם ברייטען ווייסען קאָלנער פערלעגט איבער'ן קאַמזעלקע און פערבונדען מיט צוויי שנירלעך פון פאַרענט, מיט דעם לאַנגען, פערגעלבטען וואָלענעם טלית-קטן איבער די הויזען און מיט דער שפּיציגער סאַמעטענער יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, וואָס מאַכט זיין לאַנגען פּנים מיט דער לאַנגער שפּיציגער באָרד נאָך לענגער... ער זיצט, דער טאַטע, שאָקעלט זיך הין און צוריק, און זאָגט מיט אַ געשמאַקען ניגון דעם „תיקון שבועות", די מאַמע פּאָרעט זיך אַ גאַנצע נאַכט אין קיך, פון וואַנען עס הערט זיך אַ קלאַפּעריי פון אַ פּעסטיק אין שטויסעל און עס דערגרייכט אַ ריח פון ציממערינג מיט מאַנדלען.

ער אַליין, נאָך גאָר אַ קליינער וועוויריקעל, וויל אויך אויף

זײַן אַ גאַנצע נאַכט, אָבער שוין אַ זייגער צעהן הויבט ער אָן „פּאַלען אויפ׳ן געזעל״. און די מאַמע נעהמט איהם אויף די הענד און טראָגט איהם אַוועק אויפ׳ן טאַטענ׳ס בעט. זי ציהט פון איהם אַראָב די ענגע שטיוועלעך מיט דער קאַפּאָטקע און לעגט איהם איין אַ האַלב־אָנגעטהאָנענעם:

— שלאָף, מײַן קינד, שלאָף, טהײַערינקער, דער טאַטע וועט דיך אויפוועקען צום ערשטען מנין...

זײַטשיק׳ן איז געוואָרען אומעטיג אויפ׳ן האַרצען. עפּיס בענקט זיך און דריקט דאָס האַרץ. נאָך וואָס ער בענקט, ווייס ער אַליין נישט. צי בענקט ער נאָך דאָס רוהיג קליין שטעדטעל אָהן פּראַוואָזשיטעלסטוועס און אָהן „איינאָרדענונגען״, צי טהוט איהם באַנג די פערגאַנגענע קינדהייט אָהן זאָרג, צי בענקט ער נאָך דער מאַמעס צערטליכקייט, צי גאָר אָפּשר נאָך איהרע פוטערקיכלעך און שבועות׳דיגע מילכיגס... אָבער אויפ׳ן האַרצען איז, ער ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, געוואָרען אַזוי שווער און אומעדיג און די בעשלאָסענקייט צו מאַכען אַ סוף איינמאַל פאַר אַלע מאָל, איז אויך, עפּיס, שוואַכער געוואָרען...

„אָפּשר אָבלעגען אויף מאָרגען?—עפּיס הײַנט—שבועות...

ווי זאָגט ער—תורה—... האָט ער געקווייקעלט.

נאָר באַלד האָט ער זיך געמאַכט מוט:

— „ע, מען דאַרף קיין יאָלד נישט זײַן״!... דער אַלטער תרח האָט מיר דאָרטען אָנגעהאַקט אַ קאָפּ מיט מתן־תורה, און איך, אידיאָט, האָב שוין ראַסקיסניעט, צוקראַכען געוואָרען, ווי אַ באַבע... בעשלאָסען איז בעשלאָסען!... שוין טאַקע צײַט געהן אויך...

און ער האָט מיט פעסטע טריט גענומען שפּרײַזען צום

קלויסטער, וואו ס׳האָט נײַן אַ זײַגער אין דער פֿריה געדאַרפֿט פֿאָרקומען די שמד-צערעמאָניע.

אָבער וואָס ווײַטער, איז זײַן גאַנג געוואָרען אַלץ לאַנגזאַמער. עפּיס האָט ער געפֿיהלט, אַז דער קוראַזש איז אַ געמאַכטער... אויפֿ׳ן האַרצען איז איהם נישט גאַנץ רוהיג... ער האָט געקלערט וועגען זײַן „טויף-פֿאָטער״, דעם פֿאַבריקאַנט מאַחרעוועיעוו, אַרום וועלכען ער האָט געהאַפּט מיט דער צײַט רײַך צו ווערען, און פֿאַר די אויגען איז איהם געשטאַנען דער טאַטע מיט דער לאַנגער, שמאָלער באָרד און מיט די בײַניגע פֿינגער, וואָס האָבען אַזוי וועהטאָנדיג געקנײַפּט...

„באָלוואַן! אידיאָט, עזעל!״ — האָט ער זיך אַליין מכבד געוועזען מיט בכבודיגע נעמען — ווײַל דו ווילסט נישט — דוקא היינט! — האָט ער זיך גערײַצט, אַליין נישט ווייסענדיג מיט וועמען.

אָבער אויך דער צולהכעיס אין דער וועלט אַרײַן האָט נישט געהאָלפֿען. וואָס נעהנטער ער איז צוגעקומען צום קלויסטער, אַלץ שוואַכער איז געוואָרען זײַן מעשלום צו „מאַכען אַ סוף״.

— „סאָ׳ז נאָך גאָר צופֿריה״. האָט ער געזוכט אַ תירוץ פֿאַר זיך אַליין, שוין שטעהענדיג בײַם טהיר פֿון קלויסטער — און צוריק גערעדט—, וואָס איז די אײַלעניש?... וואָס וועל איך דאָ פֿערשפּעטיגען?.. און אֶפּשר טאַקי אָבלעגען אויף מאָרגען?... האָט ער אָנגעהויבען נאָכגעבען — איז נאָך אַ טאָג... טאַקי פּריקרע: גראָד שבועות. דער טאַטע שטעהט מיר פֿאַר די אויגען, כ׳קען זיך נאָך צוטומלען...

— יאָ, הײַנט געװיס נישט! — האָט ער מיט אַ מאָל בעשלאָסען.

און האַסטיג אומקעהרענדיג זיך צוריק, האָט ער מיט שנעלע טריט גענומען געהן אין שוהל אַרײַן...

דֶער יובִילֶיום

I.

דרײַ זענען זײ געזעסען.

דרײַ געוועזענע יודען בײַ איין טישעל אין רעסטאָראַן „אַלפּי", וואו עס קלײַבען זיך אויף אין די פֿאַר-מיטאָג-שטונדען סוחרים, וואָס האָבען צו טהון אויף דער בירזשע.

ס'איז געזעסען יעפּים סעמיאָנאָוויטש העפּטער, אַ „ליוטע-ראַניך", וואָס חאַפּט נאָך איצט אויך אַרײַן אַ קאַפּיטעל תהלים בשתיקה; אַפֿאַנאַסי חאַריטאָנאָוויטש שמוקלער, אַ „פּראַוואָסלאַוונער", וואָס היט אָב יאָהרצײַט נאָך טאַטע-מאַמע און שענקט נדבות אויף תלמוד-תורה, און איגנאַטי אַבנראָוויטש מירקין, וואָס האָט פֿאַר די אַכטצעהן יאָהר, וואָס ער איז גע'שמד'ט, קיין איין מאָל נישט פֿערפֿעהלט טשאָלענט צו עסען.

— עפּעס זעהט מען הײַנט נישט מאַרקוס אַראָנאָוויטש'ן — האָט זיך געוואונדערט יעפּים סעמיאָנאָוויטש.

— ער טאַפּט דעם דופּק אויפ'ן בירזשע.

— אָט איז ער! — האָט שמוקלער אָנגעזאָגט, אָנווײַזענדיג-

צום טהיר, — משיח'ן מען זאָל דערמאָהנען, וואָלט ער אויך געקומען...

צום טישעל, וואו די דרײַ זענען געזעסען, איז צוגעגאַנגען דער דיסקאָנטאָ־מעקלער מאַרקוס אַראָנאָוויטש בראָדסקי, אַ פֿעסט געבויטער, מיטעל־געוויקסיגער מענש פֿון אַ יאָהר פֿופֿציג, מיט אַ שוואַרץ־גרויליך, שפּיציג־געשוירען בערדעל און מיט אַ קורץ־געשוירענעם קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזעהען, ווי געגאָלט. דער קאַרק איז בײַ איהם געווען רויט און אַ דיקער קנײטש, ווי אַ געפֿיהלטע קישקע, האָט זיך געלעגט פֿון הינטען אויף דעם נידריגען געפּרעסטען קראַגען. דער פּנים פֿולקײַלעכדיג און גוטמוטיג, און פֿון איהם האָבען אַראָבגעקוקט אַ פּאָר קלוגע, אומעטיגע־ווייכע אויגען, וואָס האָבען, דוכט זיך גאָר נישט געפּאַסט צו דעם דאָזיגען, אַ ביסעל מגושמ'דיגען פּנים.

— אַ, אָט איז דער „וועטשני זשיד"! האָבען אַלע דרײַ אויסגעצויגען צו איהם די הענד.

דעם נאָמען „אייביגער יוד" האָט בראָדסקי בעקומען צווישען זײַנע קליענטען־משומדים דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען כמעט דער איינציגער פֿון אַלע זײַנע „זיעמליאַקעס", וואָס איז נאָכ'ן אַרויסטרײַבען פֿון מאָסקווע געבליבען אַ „טרפֿה'ר" יוד, אַנשטאָט צו ווערען אַ כשר'ער משומד, ווי זיי...

צרות איז ער פֿאַר דער צײַט אויסגעשטאַנען צוליעב זײַן יודישקײַט, אָהן אַ שיעור. דאָס ווײַב האָט אין די מיטעלע יאָהרען געדאַרפֿט האַלטען עקזאַמען אויף אַקושערקע, צוליעב פּראַוואָ־זשיטעלסטוואָ, אַ טאָכטער איז געוואָרען פֿעלדשעריצע, חאָטש חשק האָט זי געהאַט צו לעהרערײַ, גיעט עס אָבער קיין וואָהנרעכט נישט. איין זוהן האָט אויסגעהאַלטען עקזאַמען אויף

דאַנטיסט, האָט אײַנגעאָרדענט אַ קאַבינעט און האַנדעלט מיט רויכוואַרג, בעטענדיג גאָט, עס זאָל צו איהם חאָטש קיין פאַציענטען נישט אַרײַנפאַלען; דער צווייטער זוהן איז צוגעשריבען צו אַנ׳אַפּטייק און איז אַנ׳אַגענט פון אַ לאָדזער פירמע... ער אַליין מאַטערט זיך אויף אַ דאָוועראַנאָסט, ספעקולירענדיג כסדר, מען זאָל איהם נישט צושרייבען. „אײַנאָרדנען״ זיך, ווי אַ סך פון זײַנע שטאָדט-לייט און בעקאַנטע האָבען געטהון באַלד נאָכ׳ן גירוש און שפּעטער—איז איהם אַפילו קיינמאָל נישט אײַנגעפאַלען.

— איך בין אַזאַ פרומער יוד, ווי איהר זענט פרומע קריסטען—פלעגט ער זאָגען זײַנע בעקאַנטע משומדים,—נאָר איך בין אַ יוד אַנ׳עקשן—כ׳וויל „זיי״ נישט צוליעב טהון...

— נאַשע וואַמ׳ס! — האָט זיך בראָדסקי בעגריסט, צוגעהענדיג צום טישעל, מיט יעדערען פאַר׳ן האַנד.

— נו־ס, וואָס הערט מען עפּעס אויף דער בירושע, וועטשני זשיד? —האָט שמוקלער אַ פרעג געטהון.

— פון היינט אָן מעגט איהר מיך טאַקי רופען „וועטשני זשיד״—האָט בראָדסקי, נישט ענטפערנדיג אויף דער פראַגע, בעמערקט: פונקט היינט ווערט צוואַנציג יאָהר, אַז איך וואָהן אין מאָסקווע אָהן פּראַוועס...

— צוואַנציג יאָהר שוין?! —האָט אַפאַנאַסי חאַריטאָנאָוויטש פערטראַכט געזאָגט, — ווי גיך די צייט לויפט... ווי לאַנג דוכט זיך, אַז די וויסעלעניע איז געוועזען, און—שוין צוואַנציג יאָהר...

— איך ווייס נישט ווי פאַר אייך — פאַר מיר זענען די צוואַנציג יאָהר גאָר נישט גיך איבערגעלאָפען. איך האָב געהאַט טעג, וואָס יעדערער פון זיי האָט זיך מיר אויסגעצויגען ווי צוואַנציג יאָהר — האָט בראָדסקי געזאָגט, און איבער זײַן פּנים

איז איבערגעלאָפען אַ שאָטען, ווי ער וואָלט זיך דערמאָהנט אָהן די צרות, וואָס זיין יודישקייט האָט איהם די צוואַנציג יאָהר געבראַכט.

— פונדעסטוועגען בין איך דיר מקנא — האָט יעפים סעמיאָנאָוויטש געזאָגט מעהר צו זיך אליין, ווי צו בראָדסקי'ן, און האָט זיך פערטראַכט.

— פאַרהאַן טאַקי וואָס מקנא צו זיין האָט בראָדסקי ביטער געשמייכעלט, צוואַנציג יאָהר נאָכאַנאַנד פיהרען אַ לעבען פון אַ געיאָגטען האָז.

— אַלץ בעסער, ווי אויסהאָדעווען אַ פאָקאָלעניע אַנטיסעמיטען.

— אָט ווי מיין נאַסליעדניק, פעדקאַ: דאָס האָט פיינד אַ יודען, ווי אַ יוד חזיר—האָט מירקין אונטערגעשטיצט.

— און מיין מישקאַ פרעגט מיך: „פאַפּאַ, פאַר וואָס האָבען יודען געהרג'ט אונזער ספּאַסיטעל"? . . . היינט געה ענטפער איהם דערויף!...—האָט העפטער געלאַכט מיט אַ ביטערען געלעכטער.

— לעבט איהר חאָטש ספּאָקאָניע, וועט אייערע קינדער גוט זיין.

— עך, מאַרקוס אַראָניטש, דו זאָלסט דאָס זאָגען! — האָט זיך העפטער געוואונדערט — וואָס קען שוין זיין פאַר אַ ספּאָקאָיסטוויע, אַז אויפ'ן האַרצען איז נישט ספּאָקאָינע? אונזערע ראָזשצאָטען האָבען זיך נישט אָפּראָוודאַיעט: נו, אָט, נעהם חאָטש מיך, נאַפּרימער: ווען מען האָט מיך געוואָלט אַרויסשיקען, איז מיין גאַנצער קאַפּיטאַל געלעגען אין פּרעמיי

הענד. ווען איך הויב זיך דאמאלט אויף און פאָהר אַרוים, וואָלט איך געדאַרפט אַוועק איבער די הײַזער. און דאָס איז אַ זאַך, וואָס ניט יעדערער האָט די מוזשע־סטווע צו טהאָן עס... נו, האָב איך געראָשעט... געראָכענט: לאָמיר אָקאָרשט אויפקלײַבען מײַן קאַפּיטאַל, פאָהר איך אַוועק זאַגראַניצע, צי קײַן אַמעריקאַ, צי דאַזשע קײַן ארץ־ישראל און בין מיר דאָס, וואָס איך בין. אָבער דערנאָך ווערט מען אַזוי פערדרעהט און פערפּלאָנטערט אין די געשעפטען, אַז מען קען זיך שוין נישט אַרויסרײַסען. דערווײַל וואַקסען אונטער קינדער וואָס וו ילען שוין קײַן יודען נישט זײַן... איז אײַנס פון דאָס בײַדע: אָדער רײַס אַרוים די קינדער פון האַרצען און פאָהר אַוועק אַלײן, וואו די אויגען וועלען דיך טראָגען, אָדער בלײַב דאָ און טראָג אַ וועהטאָג אין האַרצען... איז גרינג צו לעבען אַזוי? און דו זאָגסט — ספּאָקאָינע!...

בראָדסקי האָט געזעהען, אַז ער האָט אָנגערירט אַנ'אָנגעוועהטאָגטען אָרט, און ער האָט געוואָלט איבערבײַטען דעם געשפּרעך.

— נו, פון די אַלע ראַזגאָוואָרען וועט מען קײַן קאַשע נישט קאָכען. מען דאַרף אָקאָרשט אַרוים אויפ'ן בירזשע זעהן, וואָס הערט זיך מיט פוטילאָווסקע.

— געה, און קום דערנאָך אַהער טהע טרינקען.

— דאָס איז אויך אַ געשעפט.

— אַ סלאַוונער מענשעל! — האָט איהם העפּטער נאָכגעזאָגט ווי נאָר ער איז אַוועקגעגאַנגען.

— דער עהרליכסטער מענש, וואָס איך האָב ווען ס'איז בעגעגענט.

— און שוין צוואַנציג יאָהר, אַז ער מוטשעט זיך. אַ געלעכטער צו זאָגען, צוואַנציג יאָהר זיצען אין מאָסקווע אָהן פּראַוועס! וויפיעל דאַרף מען דאָס אויסשטראַדאַיען!

— צוואַנציג יאָהר! ער האָט שוין, כ׳לעבען, געמעגט פּראַזדנעווען אַ יובילעי — האָט שמוקלער געשמייכעלט.

— וואָס מיינט איהר, געמעגט איהם טאַקע מאַכען פּאָ עטאָמו סלוטשאַיו, אַ רעכטע וועטשערינקע — האָט העפּטער שוין ערנסטער געזאָגט.

— אויף מיין וואָרט, ס׳איז אַ אידעע! — האָט זיך מירקין אָנגעכאַפּט. — לאָמיר איהם געבען אַנ׳אָבעד פּאָ פּאָדפּיסקע. אויפקלייבען אַלע אונזערע זעמליאַקעס און מאַכען איהם דעם סופּריז, האַ?

— איך בין פּאָגלאַסנע — האָט שמוקלער מסכים געוועזען.

— און אויך איך — איז העפּטער צוגעשטאַנען.

— גוט, לאָזט עס מיר איבער, איך וועל שוין דאָס אוסטראָיען.

— לאַדנאָ, נעהם זיך צו דעם עסק. אַט וועט זיין אַ פּאָטיעכע!

II.

אַ מאַן צוואַנציג פון בראָדסקי'ס „זעמליאַקעס" און קליענטען האָבען זיך אויפגעקליבען אין אַ בעזונדער קאַבינעט פון דעם ערשט־קלאַסיגען רעסטאָראַן „פראַגאַ", צו פייערען בראָדסקי'ס יובילייאום.

יעפים „סעמיאָנאָוויטש" העפטער און אַפאַנאַסי חאַריטאָנאָ־וויטש שמוקלער זענען געוועזען פון די ערשטע געסט. מירקין איז געוועזען דער „ראַספּאָריאַדיטעל".

אַ חוץ זיי זענען געקומען דאַוויד אַבראַמאָוויטש ניישטוב, פון וועלכען פופצעהן יאָהר פראַוואָסלאַוויע האָט נישט געקענט אָבוואַשען דעם „זיידענעם יונגען מאַן" פון זיין פנים; באָריס איזראַעליעוויטש שקלאָווסקי, וואָס פאָהרט יעדעם יאָהר קיין ווילנאָ פראַוועז פסח; נאַאום יאָנאָוויטש לאָקשען, וואָס האָט שוין זוכה געוועזען צו זיהן אָפּיצערען, נאָר אַליין פאַסט ער פונדעסטוועגען יום־כפור.

עס זענען דאָ געוועזען אַזעלכע וואָס פלעגען זיך פערביינקען נאָך אַנ'עליה, און זיי פלעגען זיך לאָזען אויפרופען יעדעם מאָל ווען

זיי פלעגט אויסקומען צו זיין אין אַ יודישער שטאָדט. אַפילו עטליכע משומדים, וואָס וואָלטען אַ האַלבען לעבען אַוועקגעגעבען, זייערע לאַנגע און שאַרפע נעזער זאָלען ווערען ברייט און פלאַציג און זיי זאָלען קענען שאַרף אַרויסרעדען אַ „ריש”, — זענען אויך געקומען „טשעסטעווען” בראָדסקי'ן.

— מאַרקוס אַראַנאָוויטש פערדיענט, מען זאָל איהם או־וואַזשאַיען,—האָבען זיי אַלע מודה געווען.

דערזעהען פאַר זיך אַזוי פיעל בעקאַנטע, אויסגעפוצטע געסט און דעם פיין סערווירטען טיש מיט ווייַנען, פרוכטען און בלומען,—איז בראָדסקי געבליבען שטעהן ביים טהיר און פערוואונדערט פונאַנדערגעפיהרט די הענד.

— וואָס איז דאָס ביי אייך פאַר אַ יום־טוב?

— פערנעהם אָקאָרשט דעם אויבען־אָן, מאַרקוס אַראָניטש, וועט מען דיר שוין זאָגען, וואָס פאַר אַ פראַזדניק דאָ איז — האָט מירקין דער „ראַספאָריאַדיטעל” געהייסען.

בראָדסקי האָט נישט געוואוסט, וואָס זאָל ער דאָ טהון.

— וואָס עפעס — איך אויבען־אָן? און לאָמיר פאָרט וויסען, פאָ קאַקאָמו סלוטשאַיו האָט איהר זיך דאָ אַלע אויפגעקליבען?

— טהו וואָס מען זאָגט דיר, מאַרקוס אַראָניטש, און רעד נישט!—האָט איהם מירקין געקלאַפּט איבערן אַקסעל.

בראָדסקי האָט געקוקט און געקוועטשט מיט די פלייצעס. עפעס האָבען זיך דאָ אויפגעקליבען בלויז משומדים. ער—איין יוד צווישען זיי, וואָס־זשע האָבען זיי איהם איינגעלאַדען?

אָבער לאַנג קלערען האָט מען איהם נישט געלאָזט: איגנאַטי אַבראַמאָוויטש האָט איהם אַ נעהם געטהון פון איין זייט

אפאנאסי חאריטאנאוויטש פון צווייטען זייט, האבען איהם צוגע־פיהרט צום טיש און אוועקגעזעצט אויבען־אן.

צוזאמען מיט איהם האט זיך אוועקגעזעצט נאאום יאנאוויטש, דער עלטעסטער פון דער קאמפאניע.

די קעלנער האבען אנגעגאסען די גלעזער און זענען ארוים.

בראדסקי האט מיט נייגעריגקייט געווארט, וואס וועט דא ווייטער זיין.

זיין נייגעריגקייט איז גלייך בעפריעדיגט געווארען.

פון טיש האט זיך אויפגעשטעלט דער אלטער נאאום יאנאוויטש און, אויפהויבענדיג דעם באקאל, געזאגט:

— אוואזשאיעמי מארקוס אראנאוויטש! מיר אלע, דיינע פריינד און פריאטעלעס, האבען בעשלאסען צו טשעסטעווען דיך מיט אנ'אוועגד פא סלוטשאיו דיין צוואנציג־יאהריגען בעזפראוונעם וואהנען אין מאסקווע, און דיין טשעסטנע דיעיאטעלנאסט... אמת, דאס איז א מאדנער יובילייו, אבער מיר אלע דא ווייסען, אז אבוואהנען צוואנציג יאהר אין מאסקווע אהן פראוואזשיטעלסטווא, איז נישט קיין שוטקא. פראווא, דאס איז א סך שווערער, ווי זיצען צוואנציג יאהר און אויסקלערען אגראניטשעניעס פאר יודען... איבערלעבען אזעלכע צוואנציג יאהר, איז אפשר א סך א גרעסערע מעהר הערא־סטווא, ווי ארוים לעבעדיג פון א מלחמה, און דעריבער האסט דו פערדינט מען זאל פראזרנעווען דיין יובילייו און דעריבער טרינקט איך אין נאמען פון אלע, וואס זענען דא, פאר דיין געזונד. הורראַ!...

— הורראַ־אַ־אַ!!! — האבען אלע אונטערגעכאפט.

נאָך נאַאום'ען האָט גערעדט שמוקלער און מירקין און אנדערע:

בראָדסקי איז געווען א צוטומעלטער.

וואָס טהוט זיך דאָ, וואָס ווילען זיי דאָ פון מיר האָבען?

— גאָספּאָדאָ, נענוג שוין חוזק מאַכען פון מיר—האָט ער זיך געבעטען און געריסען זיך פון אָרט.

— באָזשע סאָחראַני, וואָס עפּעס חוזק, טשעסטנאָיע סלאָווא, מיר מיינען דאָס באמת, מיט'ן גאַנצען האַרצען,—האָבען זיי איהם בערוהיגט און צוגעהאַלטען אויבען-אָן.

דער מיטטאָג איז דערווייל אָנגעגאַנגען, דער עולם איז געוואָרען אַלץ לעבעדיגער, אויפגערוימטער. מען האָט גערעדט, געלאַכט, דערצעהלט יודישע וויצען.

אַביסעל געשטערט די שמחה האָט דאַוויד אַבראַמאָוויטש.

א גאַנצען אָוונד האָט ער נישט אויפגעהערט צו טרינקען, נאָר וואָס מעהר ער האָט געטרונקען, אַלץ טרויעריגער איז ער געוואָרען.

— דאַוויד אַבראַמיטש! וואָס זיצסט דו, ווי אויף א פרעמדער חתונה?—האָט מירקין צו איהם געשריהען פון צוויי-טען ברעג טיש.

ניישטוב האָט א מאַך געטהון מיט'ן האַנד און נישט געענטפערט.

— לאָז איהם צו רוה! — האָט שקלאָווסקי געראַטהען,— ער איז אַלע מאָל אַזוי: ווען אַלע זענען פרעהליך, איז ער אומעטיג.

— פערדריסט איהם די פערלאָרענע קאַריערע זיינע: א מענש האָט געקענט זיין א רב... — האָט איינער געפּרובט

חכמה'נען זיך; אָבער פון אַלע זייטען האָט מען אויף איהם געגומען ווארפען אַזעלכע בעזע בליקען, אַז ער האָט זיך, א פערשעמטער, אָבגעהאַקט אין מיטען.

נײַשטוב האָט אַ וואָרט נישט געענטפערט, פונקט ער וואָלט נישט געהערט וואָס מען רעדט דאָ אָדער ווי מען וואָלט געשמועסט פון אַנ'אַנדערען. אויסטרינקענדיג נאָך אַ גלאָז וויין, האָט ער אָנגעשפאַרט זיין עלטע יודישען קאָפּ אויפ'ן האַנד און, ווי פאַר זיך אַליין גענומען שטיל אונטער ברומען מיט אַ מתיקות'־דיגען, האַלב־וויינענדיגען קול דאָס חסידיש ליעדעל:

אוי רבי־ניו, רבינ־יו,

אוי, ווערה, רבי־ע־ניו...

אין קאַבינעט איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרען, ווי אַ ווינטעל וואָלט דורכגעשוועבט איבער אַלעמען און אָבגעקיהלט די צוהיצטע קעפּ. דער ניגון האָט געוועקט עטוואָס אַזוינס, וואָס ס'איז ביי יעדערען פון זיי געלעגען טיעף אין האַרצען בעהאַלטען און וואָס יעדערער האָט אויסגעמײַדט צו בעריהרען און וועקען... אַ מאָרנעם אומעט, אַ טיעפע בענקעניש נאָך דאָס, וואָס מען קען צוריק נישט אומקעהרען, האָט יעדער דערפיהלט...

און נײַשטוב האָט אַלץ געצויגען די עטליכע אָבגעריסענע ווערטער, וואָס זענען איהם אונבעוואוסט פערבליבען אין זכרון, געקרעכצעט און געברומט:

אוי רבי־נו, רבי־נו,

אוי ווערה, רבי־נו...

פריהער איינער, דערנאָך אַ צווייטער און אַ דריטער האָבען אָנגעהויבען אונטערצוציהען דעם האַרציגען ניגון, ביז דער גאַנצער עולם האָט געשמאַק געזונגען צוואַמען מיט

נײַשטובּ׳ן. ווער ס׳האָט נישט געקענט זינגען, האָט האָטש צוגעבּאַמקעט.

נאָך דעם ניגון, האָט מען געזונגען אַ צווייטען און אַ דריטען יודישען ניגון, אַלץ וויינענדיגע און האַרציגע, ווי זיי וואָלטען וועלען אַלע איינמאָל פאַר אַלע מאָל גוט אויסקרעכצען און אויסזיפצען זיך פאַר די גאַנצע יאָהרען, וואָס זיי זיצען אין אַ פרעמדע פעל...

— נו, אַ סוף, זאָל זײַן גענוג צו קרעכצען — האָט שמוקלער מיט אַ מאָל אַ זעטץ געטהון אין טיש — זאָל מען נעהמען צו פרישע בּימלעך ווײַן און זינגען עפּעס אַ פרעהליכס! האָבּען זיך צו חניקעט!..

דער עולם האָט געפאָלגט: גענומען פון דאָס נײַ אַ בּיסעל משקה און ניישטוב האָט פלוצלונג אַ שפּרונג געטהון אין מיטען קאַבּינעט, געחאַפּט מירקין׳ען פאַר איין האַנד, שמוקלער׳ן פאַר דער צווייטער און, דרעהענדיג זיך אין אַ ראָד, לעבּעדיג געזונגען.

גוט יום־טוב, יודע־לעך,
מ־אַ־אַ־זל טוב! אַ שמחהעע
אַ־אַ־אַגדו־לה...

דער גאַנצער עולם האָט אונטערגעחאַפּט דאָס פרעהליכס, ווי זיי וואָלטען נאָר געוואַרט דערויף, אָנגעחאַפּט זיך אַלע פאַר די הענד און מען איז אַוועק אַ קאַראַהאָד, געהויבּען פיס, געוואָרפען מיט די קעפּ, געפּליאַסקעט מיט די הענד, גאָר ווי שמחת תורה בּײַטאָג אין אַ חסידים־שטיבּעל.

— לעבּעדיג, לעבּעדיג, לעבּעדיג יודען! — האָט נײַשטובּ אונטערגעגעבּען חשק.

און זיַין פּנים פֿון אַ „זיַידענעם יונגענמאַן" האָט געפֿלאַמט, און די שוואַרצע אויגען האָבען געבּרענט.

דער עולם איז געוואָרען אַלץ לעבּעדיגער, ריהרעוודיגער.

ערשט ווען אין דרויסען האָט זיך פֿערנומען דער בּלאַסער פֿריהמאָרגען, איז זיך די גאַנצע קאָמפּאַניע צוגאַנגען יעדער צו זיך אַ היים מידע און גאָר נישט פֿרעהליכע...

אוּמְזִיסְטֶע שְׂרֶעק.

I.

שוין דעם ערשטען זומער נאָך דער חתונה, האָט וויגאָדסקי'ס ווייב אָנגעהויבען טענה'ן, אַז זי ווערט דאָ „אין זיין מאָסקוואַ" דערשטיקט. האָט ער גענומען, און אַוועקגעשיקט זי אויפ'ן זומער צו טאַטע-מאַמע קיין שקלאָוו, איז געווען אַ כפרה אַלע דאַטשעס. דאָס צווייטע יאָהר איז זי אויפ'ס ניי אַהין געפאָהרען: אַ קינדבעט פראַווען.

דאָס דריטע יאָהר פאַלט איהר איין צו לעגען זיך אין בעט אום סאַמע ערב-פסח און אָבהאָבען אַ צווילינג. האָט זי קיין כח נישט געהאַט צו פאָהרען מיט דריי פיצלעך קינדער קיין שקלאָוו, און טאַטע-מאַמע האָבען קיין חשק נישט געהאַט צו האָבען ביי זיך אַן'אויסגעגעבענע טאָכטער מיט אַ גאַנצע געזינדעל, קיין עין-הרע.

— אַ אויסגעגעבען קינד איז אַ אָבגעשניטענע המוציא... מען דאַנקט גאָט, אַז מען שפּייזט זיך אַליין דורך.

האָט זי אָנגעהויבען בעטען איהם, דעם מאַן איהרען, הייסט עס, ער זאָל דינגען אַ דאַטשע.

עס געהט איהר נישט אזוי וועגען די פרישע לופט, ווי עס פאסט נישט פאר לייטען צו זיצען זומער אין שטאדט.

וויל ער, דער מאן איהרער, אפילו נישט הערען.

— ווי קומט, זאגט ער, א פריקאזטשיק, וואס נעהמט פינף־און־זיבציג קארבאוואנצעס א חודש, צו דאטשעס?

טענה'ט זי:

— למאי קליינמאנ'ס וייב פאהרט?

זאגט ער מיט א וואונק:

— וואס קליינמאן קען, קען איך נישט. דאס איז א מענש מיט אנ'אנדער האנד...

— איז הייסט עס, זאל די שטיק פלייש זיצען אויף דאטשעס, און איך זאל זיך שטיקען מיט ברעקלעך קינדער אין שטאדט?

— זאל איך, הייסט עס, טהון, וואס קליינמאן טהוט? — ענפערט ער מיט א פראגע.

וויל זי איהם איינשמועסען, אז עס וועט טייערער נישט קאסטען: די דירה אין שטאדט קען מען אבזאגען, נעהמען א דאטשע אין בערעזעווקע, און טהון, וואס אלע טהוען.

— וואס, „זייצעס" האלטען? — ווערט ער צוקאכט — דאס פעהלט מיר נאך!

— וואס איז אזוינס? אלע האלטען, מעגען מיר אויך האלטען. צוויי גוטע „זייצעס" בעצאהלען פאר דער גאנצער דאטשע.

— אדער דער בעל־הבית בעצאהלט 500 רובל — פאלט ער איהר אריין אין די רעד.

— זאלען זיי דאס מעהר נישט האבען אויף זיך, וואס זיי האבען ביי דיר וואס צו נעהמען.

— איז דריי חדשים זיצען—נאך בעסער!

— ס'איז גאר נישט אזוי געפעהרליך, דער בערעזעווקער „קנעפעל" איז דארטען אנ'איינגענער מענש, און אז מען זעהט זיך מיט איהם אלע חודש, קוקט ער אין יענעם ווינקעל ניט... אדרבה, ער האט גאר ליעב, אז אין בערעזעווקע זאלען זיין א סך יודישע דאטשניקעס... ס'איז פרייהליכער, זאגט ער... ער דער־לעגט עפעס צו זיי, וואס?

דער מאן אבער האט גאר נישט געוואלט הערען דערפון.

— דאטשעס זענען נישט פאר וויגאדסקי'ן — האט ער זיך איינגעשפארט,—און האלטען „טרפה" יודען, עס זאל איהם אלע ווילע אבריסען זיך אין הארצען,—וויל ער נישט.

און אזוי יאהר איין, יאהר אויס הויבט זי אן שוין פון נאך פורים אן, איינצו'טענה'ן וועגען א דאטשע, און ער בלייבט ביי זיין דאס ווייניגע:

— אנ'ארימאן טאר זיך נישט גלוסטען...

אבער דאס יאהר האט זי אויסגעפיהרט.

די חאלערא האט זיך אריינגעחאפט אין דער גרויסער שטאדט און געקאסעט אויף לינקס און רעכטס.

א מורא איז אנגעפאלען אויף די איינוואוינער. יעדערן האט זיך געדוכט, אז דער שרעקליכער גאסט געהט איהם נאך פון הינטען און ווארט אויף א גינסטיגער מינוט אנצוחאפען איהם ביים גארגעל...

ווער עס האט נאר געקענט, איז געלאפען פון שטאדט, ווער צו פריינד אין דער פראווינץ, און ווער—אויף דאטשעס, אין וואלד, אין דארף, אבי אין שטאדט נישט זיין.

מלכּה, וויגאָדסקי׳ס ווייב, האָט זיך גאָר מיט פרישע כּחות גענומען איינ׳טענה׳ן וועגען אַ דאַטשע.

וויגאָדסקי האָט אַפילו מודה געווען, אַז אַ דאַטשע וואָלט געווען אַ נויטיגע זאַך אין אַזאַ צייט, נאָר וואָס זאָל מען טהון, אַז מען קען נישט.

מאַכט זיך צו איהר „גליק״, אַז דאָס קלענסטע קינד ווערט קראַנק אויפ׳ן מעגענדעל, נאָר אויפ׳ן מיאוס׳ן שטייגער, און באַלד טאַקי דאָס צווייטע, און דאָס דריטע, און דאָס פיערטע, ביז די גאַנצע האַלבע טוץ האָט געהאַלטען אין איין שרייען:

— אוי מאַ־מע, דער בויך!...

אין אַ חודש אַרום זענען צוויי קינדער — דער צווילינג — געלעגען אויפ׳ן בית־עולם, און די איבריגע פיער — אין די בעטלעך, בלאַסע, אויסגעצעהרטע פון דער שווערער, געפעהר־ליכער „האַלבער חאָלעראַ״.

— נו, וואָס זאָגסטו איצט? דאַרף מען אַ דאַטשע? — האָט מלכּה מיט אַ שטאָך געפרעגט דעם מאַן איהרען — נישט פאַר מיר, פאַר די קינדער דיינע, וועה צו מיינע יאָהרען.

וויגאָדסקי האָט קיין האַרץ נישט געהאַט צו זאָגען „ניין״.

און אין אַ פאָר וואָכען אַרום איז זי מיט די קינדער שוין איבערגעפאָהרען קיין בערעזעווקע, און וויגאָדסקי אַליין איז געבלי־בען אין שטאָדט.

— וועל איך קענען, וועל איך זיך ווען נישט ווען אויס־רייסען צו אייך — האָט ער געזאָגט — דו ווייסט דאָך אונזער פינסטער ברויט: נישט שבת, נישט זונטאָג, ברוך השם;

II

געקומען אויף דער דאטשע, האט מלכה וויגאָרסקי קודם ארויסגעהאנגען א צעטעל:

„א צימער צו פערדינגען".

און איידער זי האט נאך צייט געהאט פונאנדערצופאקען זיך, האבען זיך שוין אנגעהויבען צו בעווייזען מיטעל־יאהריגע סוחרישע יורען, אויסגעפוצטע יונגע לייט מיט פערדרעהטע וואנצען, יורען „פערפאניעטע"—אלץ בעלנים אויפ'ן צימער.

בעטראכט, פערבייגעהענדיג דאס „צימער" — א ספיזשארנע אויפגעשלאגען פון ברעטער מיט גרויסע שפאלטען צווישען — אויף גיך פארטיג געווארען מיט'ן מקח, נעהמט מען ארויס די בייטעל, און קלייבענדיג זיך געבען האנד־געלד, גיעט מען, כלומר'שט, פערבייגעהענדיג, א פרעג:

— נו, און וואס איז מיכח... ע—ע?...

— כ'ווייס? — מאכט וויגאָרציכע, קנייטשענדיג דעם שטערען, כ'ווייס? איך רעכען מען וועט קענען...

— כ'מיין, איהר זענט דאך עפעס א היגע, דארפט איהר דאך וויסען... ווי איז עפעס דא דער „הויפינגער"?

— דער דוואָרניק? ער איז דוקא נישקשה, ער דאַרף אויך לעבען... דער עיקר איז דער „קנעפּעל". — ענטפערט זי בעאונרוהיגט.

— פאַר דעם „קנעפּעל" זאָל איך נישט אַרען. מיט איהם וועלען מיר שוין אַליין פאַרטיג ווערען... דער עיקר — צו אַז דער „הויפינגער" ניט פון די שוואַרצע...

ניין, — יאָ, אונזער איז דוקא נישקשה פון אַ „קוואָס".

— און אַ כתיבה האָט איהר? — גיעט זי מיט אַ מאָל אַ פרעג.

— וואָס פרעגט איהר עפּעס? ווי דען! אַ כתיבה מיט אַלע זיעבען זאַכען. אָבער פער'כתב'ענען זיך קען איך נישט: וואָרום וואָס וועל איך טהון נאָך די דריי חדשים? פאַהרען אַ היים תפילין שרייבען? אַ „כתיבה" איז גוט זי זאָל ליגען אין קעשענע, אָבער ניט אין אוטשאַסטאָק...

— נו, מילא, וואָס קען מען העלפען? מען קען דאָך נישט לאָזען אַ יודען נעלטיגען דרויסען — ווערט זי אַ גוטע — גיעט האַנד־געלט.

און אין דער זעלביגער נאַכט, האָבען שוין צוויי „טרפה" יודען גענעכטיגט „רוהיג" אויפ'ן דאַטשע.

אויף מאָרגען האָבען די צוויי יודען געבראַכט פון שטאָדט אַ יונגען־מאַן, וואָס „אַ קוק טהון אויף איהם וועט קיינער ניט זאָגען, אַז דאָס איז אַ יוד", — און געבעטען:

היות, דער יונגער מאַן איז אַ „וואָלניע פּרילישטשנער" יונגערמאַן, און אַ „פּריאַדעטשנער" יונגערמאַן, אַליין פון קריוואָי ראָג און אַנ'אַגענט פון אַ לאָדזער פירמע, און ביז „נאָוויגאָד" איז נאָך געבליבען זיבען חדשים, און אויף דער „דאָווערנאָסט"

האָט ער נאָך צו „לעבען" דריי חדשים, בכן, וואָלט ער גע־וואָלט איבערשטופען דעם זומער אין בערעזעווקע אויף דאַטשע. — און אַזוי ווי דער היגער „הויפיגער" איז אַ ערל, וואָס לאָזט זיך קנעלען, וואָלט ער געוואָלט די מאַדאַם וויגאָדסקי זאָל איהם אַריינגעהמען צו זיך אין דירה...

דער „מאַדאַם וויגאָדסקי" איז אַ ודאי געוועזן אַ שאָד אַרויס־צולאָזען אַ שכן. און נאָך דערצו אַזאַ שכן, וואָס איז אַ „וו'פּאָלניע פּרי־ליטשנער" יונגערמאַן, און אַ פּאָריאַדעטשנער יונגערמאַן, און, וואָס אַ קוק טהון אויף איהם וועט קיינער נישט זאָגען, אַז דאָס איז אַ יוד, — נאָר ליידער האָט זי מעהר קיין „צימערען" צו פערדינגען ניט געהאַט, זי קען איהם דאָך ניט לעגען ביי זיך אין צימער.

איז אָבער דער יונגער־מאַן דוקא קיין מקפּיד ניט געוועזן: ביי איהם, זאָגט ער, איז רעכט אַ גאַנץ זומער שלאָפען אויפ'ן וועראַנדע... ס'איז דאָך ערשטער שטאָק... טאָמער וועט רעגענען, וועלען איהם די צוויי אַנדערע שכנים אַריינגעהמען צו זיך אין קע־מערעל — מען איז דאָך יודען — וואָרים בסך־הכל איז איהם ניט אַזוי וואַזשנע די דאַטשע, ווי דאָס „איבערשטופען" די דריי חדשים... אין שטאָדט איז איצטער אַ טאָג נישט צו זיין ניט אַ „צו'געכתב'ע־טער"... און די מאַדאַם וויגאָדסקי איז דאָך אַזאַ גוטע, און זי פערשטעהט דאָך זיין לאַגע, און בעצאָהלען, ווי עס געהער צו זיין, קען ער, גאָט צו דאַנקען, אויך, און אַ גאַנצען טאָג איז ער דאָך אין שטאָדט, ס'איז דאָך נישט מעהר, ווי איבערנעכטיגען. איז וואָס אַרט עס איהר?... וואו צוויי „זייצעס" — דאָרטען אַ דריי־טער... און ער בעצאָהלט פאַר'ן זומער פאָראויס...

הכלל, דער פּריליטשנער, און דער ווזשליחער, און דער שעהנער יונגערמאַן, האָט גערעדט אַזוי לאַנג, און אַזוי גלאַט,

און אַזוי ווייך, און אַזוי האַרצענדיג, ביז די „מאַדאַם וויגאָדסקי" איז געבליבען שטעהן מיט אַ פינף-און-צוואַנציגער אין האַנד — פאַר'ן זומער פּאָראָיס — און דער שעהנער יונגערמאַן האָט זיך אויסגעבעט אויפ'ן וועראַנדע...

III.

אײַנגעאָרדענט זיך מיט די שכנים, האָט די „מאַדאַם וויגאָרסקי" אָנגעהויבען הנאה האָבען פֿון דער דאַטשע:

אַ גאַנצען טאָג געריוּמט און געשײַערט, און געוואַשען, און געפּלעט קלײדעלעך, און געציררעוועט זעקעלעך, און גענייהט פֿאַרטוכלעך, און געצוואָגען קינדערשע קעפּעלעך, און געפּלאָכטען צעפּעלעך, און פֿערשטעקט העמדעלעך...

זי וועט דאָך נישט לאָזען איהרע קינדער זאָלען אַרוּם אין גאַס ערגער פֿון לײַטישע...

שפּעטער צו, האָבען די צוויי עלטערע יודען אָנגעהויבען בעטען: אפשר קען זיי די „מאַדאַם וויגאָרסקי" טהון די טובה און אויסקאָכען פֿאַר זיי וואָס צו עסען?

— אַ גאַנצען טאָג געהט מען אום אין שטאָדט פֿערטריקענטע—מ'וועט דאָך ניט געהן צו פּאָניען עסען — וואָלט גוט געווען, אַז ווען מען קומט אין אָוועגד אַ היים, זאָל זײַן אַ הייסער ביסען, קיין פּאָטראַוועס פֿערלאַנגען זיי, חלילה נישט: אַ שטיקעל פֿלייש מיט קאַרטאָפּעל, אַ קאָטלעט, אַ ביסעל קרופּניק, אַ קאָמפּאָט, אויב זי פֿוילט זיך נישט אָבקאָכען—און איז גאָר!...

די „מאדאם וויגאָדסקי האָט אויסגערעכענט. אז ביי איצטיגען יקרות איז דאָס אויך אַ געשעפט: אפשר וועט עפּעס אָבפאַלען פון זייער וואַרמעס פאַר די קינדער.

און איהר איז צוגעקומען נאָך אַ ארבייט: קאָכען כשר'ע מיטאָגען פאַר „טרפה" יודען.

וויגאָדסקי אַליין פלעגט זעלטען קומען אויפ'ן דאַטשע.

טאָמער פלעגט ער זיך יאָ אמאָל אַראָבכאַפּען אויף אַ זונטאָג, פלעגט ער אויך אַ גאַנצע נאַכט ניט שלאָפען, ליגענדיג אין איין שרעק פאַר „אַנ'אָבלאַווע".

— מלכה, דו הערסט? — פלעגט ער וועקען דאָס ווייב אין מיטען דערנאַכט, — דוכט זיך מען קלאַפּט...

— האַ? וואָס?... — פלעגט זי פרעגען פערשלאָפען.

— דוכט זיך מען קלאַפּט, זאָג איך, מען געהט...

— אוי, וועה איז מיר! וואו געהט מען? — פלעגט זי זיך אַ צושראָקענע אויפזעצען אין בעט, און צודריקען ביידע הענד צו דאָס קלאַפּענדיגס האַרץ...

— כ'האָב עפּעס געהערט, ווי אַ שאָרך אויף די טרעפּ...

— הער זיך נישט צו צו יעדער שאָרך, איך בעט דיך, דאָס האַרץ פאַלט אַזוי אויך איין יעדע מינוט...

— נויטיג גערדאַרפט דאָס, האַ?

— כ'וויים? מ'האָט געזאָגט: דאָ קען מען...

— מע'קען... און פאָריגע וואָך האָט מען צוגענומען פון דאַנען זעכצעהן „זייצעס".

— געוואַלד, איך בעט דיך, הער אויף צו ציהען פון מיר די אָדערען! עס שטאַרבען אין מיר אַזוי אויך אָב אַלע גליעדער צעהן מאָל אַ טאָג.

און אזוי פלעגען זיי ליגען ביז טאג, און צוהערען זיך צו יעדער שארך, צו יעדער ריהר, און אבגעגאסען ווערען מיט אנגסט־שווייס.

יעדער געשריי פון א פערבייגעהענדיגע פערשפעטיגטע חברה שקצים, פלעגט זיך ביי זיי אברופען אין די הערצער.

IV.

אײנמאָל, נאָך אַ גרויסע וועש, איז די „מאַדאַם וויגאָדסקי" נאָך אָבענד, ווי אַ געהרג'עטע אַנידערגעפּאַלען שלאָפען. די דריי קווארטיראַנטען האָבען זיך אויך בעצייטענס צוגעלעגט אויף זייערע געלעגערס.

זייגער עלף, ווען דער בראָפּען און פּייפען־קאָנצערט אין הייזעל האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, — האָט זיך מיט אַ מאָל ביים טהיר דערהערט פריהער אַ לייכטער קלאַפּ, נאָכהער אַ שטאַרקערער און אַביסעל אונגעדולדיגער.

ווי מיעד מלכה איז נישט געוועזען, האָט זי זיך דאָך אויפגעכאַפּט פון דעם ערשטען קלאַפּ, און דער ערשטער געדאַנק איהרער איז געוועזען: „פאָליציע, אַנ׳אָבלאַווע"!

דער צווייטער שטאַרקערער קלאַפּ האָט זי אויפגע־הויבען פון געלעגער אויף, ווי אַ צומישטע האָט זי זיך געדרעהט איבערן שטוב און געשריען:

— אוי, וועה איז מיר, פאָליציע!.. שטעהט אויף יודען! וואָס טהו איך?! וואָס טהו איך?!!

אין שטוב איז געוואָרען א מהומה. דריי יודען איז אונטער וועש האָבען זיך געטופעט אויף איין אָרט און נישט געוואוסט, וואָס צו טהון . . . דער עלטערער האָט געחאַפּט אַ קאָלדרע און אליין נישט וויסענדיג צוליעב וואָס, איבערגעדעקט זיך מיט איהר איבער'ן קאָפּ... דער שעהנער יונגערמאַן האָט זיך אַ בלאַסער ארומגעדרעהט מיט דער „מאַדאַם'ס" א קליידעל אין האַנד; דער דריטער האָט זיך געטופעט אויף איין אָרט און גע-טענה'ט, אַז ער איז פערפאַלען... די מאַדאַם אליין איז אַ האלב-נאַקעטע אומגעלאָפען פון איינעם צום צווייטען און געבראָכען די הענד:

— געוואַלד איך בין דאָך אומגליקליך!... בעהאַלט זיך, אַ בראָך צו מיר!... קריעכט יודען אונטער'ן טיש... שלעפּט אַראָב די טישטוך מ'זאָל אייך נישט זעהן, גזלן איינער!... וואָס שטעהט איהר?, האָט זי געשטופּט דעם צווייטען, בעהאַלט זיך אין אַלמער... גיעכער!... איהר הערט ווי מען קלאַפּט?... אוי, וואָס טהו איך מיט אייך — האָט זיך זיך אַ וואָרף געטהון צום שעהנעם יונגען מאַן,—וואו בעהאַלט מען אייך?... 500 רובל שטראָף, וועה צו מיינע יאָהרען!... אוי, איך שטאַרב!... דריי חדשים אָסטראָג...

און וואַרפענדיג אַ צושראָקענעם בליק אַרום זיך אין צימער האָט זי, ווי אַ צוטומעלטע אויסגעשריען:

— קריעכט צו מיר אין בעט אַריין און דעקט זיך איבער איבער'ן קאָפּ, אַ בראָך איז צו מיר אַ גרויסער!...

די קלעפּ אין טהיר זענען דערווייל געוואָרען שטאַרקער און אונגעדולדיגער. מיט אונטערגעבויגענע, ציטערענדיגע פיס איז די „מאַדאַם וויגאָדסקי" געגאַנגען עפענען די טהיר.

צוקומענדיג נאָהנט, האָט זי פון דרויסען דערהערט דעם מאַנס מידע און האַלב־ברוגז'ע שטימע:

— דו ביזט דאָס, מלכה? כ'האָב געמיינט איהר זענט דאָרט אַלע אויסגעשטאָרבען, חלילה... שוין א שעה אַז איך קלאַפּ און קלאַפּ, און קיינער רופט זיך ניט אָב... דער אַלטער איז אװעקגעפאָהרען, האָב איך זיך אַרויסגעריסען אויף א נאַכט א היים...

— דו ביזט עס? — האָט מלכה, װי מיט פערדרוס געזאָגט, — טפוי, טפוי, טפוי, אין האַרצען האָט זיך מיר אָבגעריסען... די גאַנצע שטוב ט'ער אויפגעהויבען... זאָל איך װיסען, אַז ער װעט אין מיטען דרינען אַריינפאַלען, נו געה שוין אַריין און פערשפאַר די טהיר... איך װעל געהן זאָגען די יודען זיי זאָלען זיך לעגען צוריק אויף זייערע ערטער.—

װען װינאָדסקי האָט פערשפאַרט די טהיר און איז אַריין אין שטוב, האָט ער געהערט, װי זיין װייב זאָגט:

— נו, יונגערמאַן, קריכט, אָקאָרשט, אַרויס פון מיין בעט און געהט לעגט זיך אויף אייער אָרט, ס'איז גאָר מיין מאַן געקומען...